STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04293

SHOLEM-ALEYKHEM

A. Gurshtein

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

1946—1916

(1916—1859)

א. גורשטיין

שאָלעם־אַלייכעם

זײַנ לעבנ אונ שאפנ

אָגיז
מעלוכע־פארלאג „דער עמעס“, מאָסקווע
1946

А. ГУРШТЕЙН

ШОЛОМ-АЛЕЙХЕМ

Его жизнь и творчество

Редактор *Э. Фалькович*. Техредактор *А. Кантор*.

А-02206. Сдано в производство 28/II-46 г. Подписано к печати 18/IV-46 г.
2 п. л. 2 1/5 уч.-изд. л. 52.000 т. зн. в п. л. Формат 72x108 1/32. Тираж 20.000 экз.
Заказ 123

13-ая типография „Полиграфкнига“ ОГИЗа при Совете Министров РСФСР.
Москва, Денисовский, 30.

„דאָס האַרץ פרייט זיך, וואָס טראָץ
די שווערע פּאָליטישע און עקאָנאָמי-
שע באַדינגונגען, וואַקסן מיר אַלס
פאָלק. דאָס פאָלק וואַקסט און בליט,
און די צוקונפט פון אונדזער פאָלק
איז דאַפקע דאָ, אין דעם דאָזיקן
לאַנד, וווּ מיר לעבן. די שווערע צײַט
וועט פאַריבער, די פינצטערע וואָלקנס
וועלן פאַנאַנדערגיין, דער הימל וועט
לויטער ווערן, און די זון וועט אונדז
באַווײַזן אירע שטראַלן..."

(פון שאָלעם-אַליכעמס אַ געשפּרעך אין ווילנע
אין 1914. „דאָס לעבן", נומ. 103 — 1914).

1

דער גרויסער ייִדישער שרײַבער שאָלעמ-אלייכעמ איז געבוירנ געוואָרנ אפ אוקראַיִנע אינ דער שטאָט פּערעיאַסלאוו[1] דעמ 2 מאַרט 1859 יאָר. ער איז דורכגעגאַנגענ א שווערנ לעבנס-וועג.

וועגנ זײַנע קינדער- אונ יוגנט-יאָרנ האָט שאָלעמ-אלייכעמ דערציילט אינ זײַנ וווּנדערבאַרנ בוך „פונעמ יאריד", וואָס איז גלײַכצײַטיק אי דעמ שרײַבערס קינסטלערישע אויטאָביִאָגראַפיע אי א ברייט בילד פונעמ דעמלטיקנ ייִדישנ לעבנ.

שאָלעמ-אלייכעמס עמעסער נאָמענ איז שאָלעמ ראַבינאָוויטש. די פרײַקע יאָרנ זײַנע האָט ער פאַרבראַכט אינ א קליינ שטעטל אינ פּאָלטאַווער גובערניע — וואָראָנקאָווע (אינ „פונעמ יאריד" הייסט דאָס שטעטל וואָראָנקאָ). שאָלעמ-אלייכעמס פאָטער האָט געהערט צו די שטעטלדיקע יאַכסאָנימ, מע האָט אימ געהאַלטנ פאַר א נאָגיד. די מוטער האָט געהאַנדלט אינ קראָמ. די פאַמיליע איז געווענ א גרויסע — א גאַנצע כאַליאַסטרע קינדער, איינס קלענער פאַרנ צווייטנ.

די וואָראָנקאָווער אײַנוווינער האָבנ געלעבט מיטנ אַלטנ לעבנ-שטייגער פונ א ייִדיש קליינ שטעטל, אָפּגעזונדערט פונ דער גאָרער וועלט אונ נאַיִוו מיינענדיק, אז באַמ עק שטעטל ענדיקט זיכ אויכ

1 איצט — פּערעיאַסלאוו-כמעלניצקי.

די גאנצע וועלט. אז שאָלעם-אלייכעם איז געוואָרן א שרײַבער, האָט ער פארייביקט דאָס אלטע יידישע שטעטל אין זײַן קאסרילעווקע און האָט באשאפן די מערקווירדיקע געשטאלטן פון די קאסרילעווקער אײַנוווינער, אָט די „קליינע מענטשעלעך מיט קליינע האסאָגעס".

זײַן ערשטע דערציִונג, וואָס דער צוקינפטיקער שרײַבער האָט באקומען, איז געווען, ווי סע פלעגט זיך געוויינלעך פירן אין יענע צײַטן, א רעליגיעזע. ער האָט געלערנט אין כיידער, אין אָט דעם פינצטערן כיידער, וואָס פלעגט מיט דער הילף פון דעם רעבנס קאנטשיק ארײַנשלאָגן אין די קעפ פון די טאלמידים די מײַסעס פון כומעש און די קאזויִסטישע כקירעס פון טאלמוד. דער כיידער פלעגט אוועקציִען די קינדער ווײַט-ווײַט פונעם רעאלן לעבן אין עפעס ניט-עקזיסטירנדיקע מעשונעדיק-פאנטאסטישע וועלטן און האָט געשראָקן די קינדערשע פאנטאזיע מיט די גרוילן פון דער אויסגעטראכטער יענער-וועלט. די קינדער האָבן פארבראכט באם „לערנען" גאנצע טעג און פלעגן זיך אָפּרײַסן פונעם „לערנען", נאָר קעדיי צו העלפן דער רעבעצן אָפּפליקן דאָס אָפּ, ארויסטראָגן די פאָמעניצע, אלפי גוירל זיך ניאנטשען מיטן קינד.

מיט זײַן זינלאָזן „לערנען", מיטן מעכאנישן אײַנכאזערן רעליגיעזע טעקסטן, מיט לײַב-שטראָף, מיט דער פריידיקונג פון גאָטס-פאָרכטיקײַט, מיט שרעקלעכע דערציילונגען וועגן די געשפענסטער פון יענער-וועלט האָט דער כיידער אָפּגעטייט אלדאָס לעבעדיקע אין דער קינדערשער נעשאָמע. דער כיידער האָט געקאליעטשעט דעם קינדערשן באוווסטזײַן, האָט אים פארמיסטיקט מיט שעדלעכע פאָרשטעלונגען, געפלאנצט פינצטערקײַט און אמעראצעס, אָפּגעריסן דאָס קינד פונעם ארומיקן רעאלן לעבן. אָבער די לעבנס-קראפט, וואָס איז טיף פארבאָרגן אינעם קינד, די ציִעניש צו ליכט און פרייד האָבן גענומען זייערס. דעם קליינינקן שאָלעמען האָט געצויגן פונעם דושנעם, איפּעשדיקן כיידער צו די ברייטע ראכוועסן,

אונטער דעם טיפנ בלויענ הימל, צום הויכנ בארג אפ יענער זײַט
בעסמעדרעש, וואָס זײַנ שפּיצ דערגרייכט קימאט ביז דער כמארע.
דער קינדישער באוווסטזײַנ האָט זשעדנע אײַנגעזאפּט אינ זיכ די
אײַנדרוקנ פונעם ארומיקנ לעבנ. דאָס ייִנגל האָט זיכ געצויגנ צו
כאוויירימ, צום פּירפּיסיקנ פרײַנט „סירקאָ", עס האָט אימ אינטע-
רעסירט דער גאנצער לעבנשטייגער פונעם פאטריִארכאלנ שטעטל.
אונ דורכ אלע שטערונגענ אונ מעניִעס האָט זיכ דורכגעשלאָגנ די
קינדישע פרייד; דער געלעכטער, דער געזונטער קינדישער גע-
לעכטער, האָט פארטויבט די פרומע רייד פונ די לערערס אונ
דערציִערס. דאָס ייִנגל שאָלעמ איז געוואקסנ א קונדעס אונ א
פריילעכער כעוורעמאנ. די דערוואקסענע האָבנ זיכ ארומגעקוקט
אפ אימ אונ געשטוינט: פונוואנענ נעמט זיכ דאָס בא א קינד אזויפיל
פרייד אונ געלעכטער? אונ וואָס איז דאָ, אייגנטלעכ, פאראנ צו לאכנ?

פונ די קינדהײַט-כאוויירימ האָט שאָלעמ-אלייכעמ באזונדערס
פארגעדענקט שמוליקנ דעמ יאָסעמ. דאָס איז געווענ אנ אומדער-
מידלעכער מײַסעס-דערציילער. ער האָט דערציילט וווּנדערבארע
געשיכטעס, ניסימ-וועניפלאָעס וועגנ קרישטאָלענע פאלאצנ אונ
אוצרעס מיט גאָלד אונ מיט טײַערע שטיינער. זײַנע רייד, וואָס
זײַנענ זיס געווענ ווי האָניק, האָבנ געוועקט די קינדישע טרוימענ
אונ באווינט די גאנצע וועלט מיט פאנטאסטישע באשעפענישנ.
שמוליק האָט דערציילט וועגנ די רײַכסטע אוצרעס, וואָס זײַנענ
געווענ פארבאהאלטנ אינעמ בארג הינטערנ שטעטל, אונ ער האָט
גענוי געוווּסט דעמ סאָד, וויִאזוי ארויסצובאקומענ אָט די אוצרעס
אונ וויִאזוי צו ווערנ זייער באלעבאָס אונ הערשער. וויסנדיק אָבער
די סוידע-סוידעס פונ די אוצרעס, האָט שמוליק פונדעסטוועגנ
גאנצ אָפּט אונטערגעהונגערט. דאָס איז קאָנטיק געווענ פונ זײַנע
ברענענדיקע, פיבערהאפטע אויגנ. די באגעגענישנ מיט שמוליקנ
אונ מיט די אנדערע קינדער פונ דער שטעטלדיקער אָרעמשאפט האָבנ
צום ערשטנ מאָל אופגעוועקט באמ קליינינקנ שאָלעמענ דאָס גע-

פיל פון עפּעס א שולד פאר דער עקזיסטירנדיקער אומגלײַכהײַט, פאר הונגער און דאלעס.

די זאָרגלאָזע יאָרן פון שאָלעם-אלייכעמס קינדהײַט זײַנען גיך אריבער, דער פּאָטער זײַנער איז שטארק פאראָרעמט געוואָרן. די געשעפטן האָבן זיך א קער געטאָן, און ער האָט געמוזט זוכן א א נײַ אָרט צום וווינען. די פאמיליע האָט פארלאָזט דאָס שטעטל וואָראָנקאָוואָ און האָט זיך צוריקגעקערט קיין פערעיאסלאוו — שאָלעם-אלייכעמס געבורט-שטאָט. שאָלעם-אלייכעמס פאָטער, נאָכעם ראבינאָוויטש, עפנט דאָ אן אײַנפאָר-הויז. די רעשטן פאמיליען-זילבער זײַנען פארמאשקנט באַם וווּכערניק. די נויט איז נאָענט געקומען צו דער שוועל פון שאָלעם-אלייכעמס עלטערן.

און דאָ איז געשען אן אומגליק: די כאָליערע-עפּידעמיע האָט אוועקגענומען באַ שאָלעמען די מוטער, אף וועלכער עס האָט זיך געהאלטן די פילצאָליקע פאמיליע און די גאנצע שטוב. שאָלעם איז דאן אלט געווען באַ דרײַצן יאָר. אין שטוב האָט זיך באוויזן א שטיפמוטער, וואָס האָט געהאלטן אין איין שעלטן און שיטן מיט קלאָלעס. שאָלעם האָט געמוזט צוהעלפן דעם פאָטער אינעם אײַנפאָר-הויז, טשאטעווען באַם טויער אף די דורכפאָרנדיקע געסט, דערלאנגען א סאמאָוואר, פאָלגן א גאנג.

די פראגע וועגן שאָלעמס דערציִונג האָט זייער אינטערעסירט און באומרויִקט דעם פאָטער. שאָלעמס פאָטער איז ניט פרעמד געוועזן צו וועלטלעכע וויסנשאפטן: עס האָבן אויך אים אָנגערירט די נײַע צײַט-ווייענישן, ער איז געווען אָנגעלעזן אין דער העברעישער האסקאָלע-ליטעראטור.

שאָלעם-אלייכעמס קינדהײַט איז פארלאָפן אין די 70—60-ער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט. דאָס איז געווען א צײַט, ווען דער אלטער פאטריארכאלער לעבן-סיידער פונעם ייִדישן שטעטל, וואָס איז ווי פארגליווערט געווען אין זײַן אינערטקײַט און אומבאוועגלעכקײַט, האָט זיך א שאָקל געטאָן און אָנגעהויבן זיך צו

ברעכנ. דאָס גאנצע לאנד, וואָס איז ארײַנגעטראָטנ אינעמ נאָכ־רעפאָרמע־פעריאָד, האָט איבערגעלעבט קאָלאָסאלע ענדערונגענ סײַ אפנ געביט פונ ווירטשאפט אונ סײַ אינ די אלע אנדערע געביטנ פונ לעבנ. די אלטע זײַלנ, אפ וועלכע עס האָט זיכ געהאלטנ דאָס לײַב־אייגנטימערישע רוסלאנד, זײַנענ געפאלנ, אונ אלצ בוילעטער אונ קלאָרער האָבנ זיכ גענומענ ארויסווײַזנ די קאָנטורנ פונ די נײַע, קאפיטאליסטישע פארהעלטענישנ. אונ באנאנד דערמיט איז געקומענ א ברייטע דעמאָקראטישע באוועגונג פונ דער „ראזנאָ־טשינישער" אינטעליגענצ. אָט די אלע נײַע צײַט־ווייענישנ זײַנענ ארײַנגעדרונגענ אויכ אינ דער יידישער סוויווע. די ווענט, וואָס האָבנ אָפגעטיילט אונ אָפגעזונדערט דאָס יידישע שטעטל פונ דער ארומיקער גרויסער וועלט, האָבנ זיכ א וואקל געטאָנ. אונ אויכ אינ יידישנ שטעטל האָבנ זיכ אלצ מער אונ מער אָנגעהויבנ צו באווײַזנ נײַע מענטשנ, וואָס זײַנענ ארויסגעטראָטנ קעגנ פאנאטיזמ אונ אמעראצעס אונ האָבנ גערופנ צו בילדונג, צו א נײַ לעבנ, צו נײַע פאָרמענ פונ לעבנשטייגער.

שאָלעמ־אליימכעמ גיט אינ זײַנ קינסטלערישער אויטאָביאָגראפיע א גאנצע רייִ פאָרטרעטנ פונ אָט די נײַע מענטשנ, צווישנ וועלכע עס טיילט זיכ אויס די געשטאלט פונ ארנאָלדנ פונ די פידוואָר־קעס, א פאָרשטאָט אינ פערעיאסלאוו. דאָס איז געווענ א נײַער טיפ פונ א יידישנ אינטעליגענט אנ אופקלערער, א מינ „ראזנאָ־טשיניעצ" אינ דער יידישער סוויווע. ער איז געווענ באקאנט מיט דער רוסישער ליטעראטור, ער איז ארויסגעטראָטנ קעגנ די קאָהאָלשע רעדלפירערס אונ „באלטויווּעס", קעגנ אמעראצימ אונ פאנאטיקער, ער האָט געשריבנ קאָרעספאָנדענצנ אינ דער גובערניאלער צײַטונג, אונ זיכ גרייטנדיק אָפצוגעבנ עקזאמענס, האָט ער געלעבט אנ אומאָפהענגיק לעבנ פונ אנ אָפלייקענער פונ רעליגיעזע אויטאָרי־טעטנ אונ פונ אָפגעלעבטע מיטלאלטערלעכע נאָרמעס אינ דער מענטשלעכער אופירונג.

נאָכעם ראַבינאָוויטש האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו די אייצעס פון ארנאָלדן פון די פידוואָרקעס, ער האָט געפאָלגט זיינע אייצעס און אוועקגעשיקט דעם זון שאָלעמען זיך לערנען אין דער „אויעזדנע“, דה, אין דער מעלוכישער קרייז-שול. פאר דער דעמלטיקער צייט און פאר דער דעמלטיקער ייִדישער סוויווע איז דאָס געווען א דרייסטער און ניט קיין געוויינלעכער טראָט. שאָלעם, וועלכער האָט פארמאָגט א קלאָרן קאָפּ און האָט זיך געצויגן צו וויסן, האָט זיך מיט זשעדנעקייט א וואָרף געטאָן צו די נייע ביכער.

די צארישע שול, וואָס האָט איינגעפלאנצט אין די שילער געהאָרכזאמקייט צום קייסער און צו די, וואָס האָבן געהאט די מאכט, צו די אייבערשטע פון שטייסל, האָט שאָלעמען פונדעסטוועגן געגעבן באשטימטע ערשטע ידיעס פון וועלטלעכן וויסן, און דאָס וויכטיקסטע — זי האָט אים אויסגעלערנט לייענען און פארשטיין רוסיש, און אזויארום האָט זי אים געעפנט דעם וועג צו די אוצרעס פון דער גרויסער רוסישער ליטעראטור מיט אירע אידייען פון הומאניזם און פון קאמפ פאר באפרייונג. די באקאנטשאפט מיט די בעסטע ווערק פון דער רוסישער ליטעראטור האָט פארטיפט די ווירקונג, וואָס דער יונגער שאָלעם ראַבינאָוויטש האָט באקומען פונעם לייענען די האסקאָלע-ליטעראטור, וועלכע האָט געקעמפט קעגן דעם אלטן פארגליווערטן ייִדישן לעבנשטייגער און פאר נייע איירָאָפּעישע לעבנס-פאָרמען. מיט דער האסקאָלע-ליטעראטור האָט זיך שאָלעם-אלייכעם באקאנט נאָך ייִנגלווייז. זיצנדיק אפן בענקעלע באם טויער פון דעם פאָטערס איינפאָר-הויז און טשאטענדיק אפ די דורכפאָרנדיקע געסט, האָט שאָלעם געשלונגען א בוך נאָך א בוך.

די שול האָט שאָלעם ראַבינאָוויטש געענדיקט מיט אן אויסצייכענונג אין יאָר 1876.

2

שאָלעם ראבינאָוויטשעס זעלבשטענדיק לעבן האָט זיך אָנגעהויבן גאנץ פרי. דעם פאָטערס געדריקטע לאגע האָט אים באוויגן צו זוכן א פארדינסט, און זייענדיק נאָך אפ דער שול-באנק, האָט שאָלעם אָנגעהויבן צו געבן פריוואטע „שטונדן". געענדיקט די קרײַז-שול, פאָרט שאָלעם אוועק אפ א „קאָנדיציע". ער ווערט א הויז-לערער בא זײַן צוקינפטיקן שווער לאָיעוו, א רײַכן ארענדאטאָר פון פריצישע גיטער, וואָס האָט געלעבט א ברייט לעבן פון עפעס א מין גוטבאזיצער. בא דרײַ יאָר האָט שאָלעם ראבינאָוויטש געלעבט אין לאָיעווס גוט, אין „סאָפיעווקע", און צווישן דעם יונגן לערער און זײַן יוגנטלעכער שילערן, אָלגא לאָיעוו, איז אופגעקומען און אלץ שטארקער געוואָרן דאָס געפיל פון פרײַנטשאפט, וועלכע איז שפעטער פארוואנדלט געוואָרן אין א הייסער קעגנזײַטיקער ליבע. דער רײַכער ארענדאטאָר האָט לעכאטכילע גוט אופגענומען און גוט באהאנדלט דעם אופגעקלערטן לערער, וועלכער האָט שוין אויך געפירט זײַן ברייטע געשעפטלעכע קאָרעספאָנדענץ,— ער האָט אים אָבער טייקעף געוויזן די טיר, ווי-באלד נאָר ער האָט זיך דערוווסט, אז דער לערער דער אָרעמאן, וועלכער האָט ניט געהאט אפילע קיין גראָשן בא דער נעשאָמע, האָט כיישעק צו ווערן זײַן איידעם.

איינמאָל אין א שיינעם פרימאָרגן — שאָלעם ראבינאָוויטש האָט זיך אופגעכאפט פון שלאָף אין זײַן לערערשן צימער פונעם רײַכן פריצישן הויז, און א דערשטוינטער האָט ער זיך דערוווסט, אז קיינער איז ניטאָ אין דער היים. אפן טיש איז געווען אָנגעגרייט פונזײַנטוועגן א פאקעט, און אינעם פאקעט איז געלעגן געלט — סכירעס פאר דער גאנצער צײַט פון זײַן ארבעט. און מער גאָרנישט — קיין פיצל בריוועלע, קיין איין וואָרט, וואָס זאָל אים דערקלערן די מאָדנע געשעעניש. מע האָט אים אוועקגעזעצט אין

אַ שליטנ און געבראַכט אַפ דער נאָענטסטער סטאַנציע. דער יונגער לערער איז געבליבנ ווי אַפֿנ וואַסער, איינער אַליינ, ניט וויסנדיק, וואָס מע הייבט אָנ צו טאָנ. און דאָ הייבנ זיכ אָנ זײַנע וואָגלענישנ באַם זוכנ אַ שטיקל ברויט.

אינ אָט די יאָרנ פֿונ וואָגל, נאָכ דעמ, ווי ער איז אַרויסגעטריבנ געוואָרנ פֿונעמ גווירישנ „גאַנײדנ”, האָט שאָלעמ ראַבינאָוויטש באַשלאָסנ אַ פּרוּוו צו טאָנ זײַנ מאַזל אינ דער הויפּטשטאָט פֿונעמ קאַנט, אינ קיִעוו, וואָס האָט געצויגנ צו זיכ מיטנ ברייטנ פֿאַרנעמ פֿונעמ לעבנ און מיט זײַנ גרויסשטאָטישער געבילדעטקײַט. אָבער אַלס ייִד האָט דאָ שאָלעמ ראַבינאָוויטש ניט געהאַט קיינ ווױנרעכט, און ער האָט אײַנגיכנ דערפֿילט דעמ גאַנצנ טאַמ פֿונ די פּאָליצײיִשע „אָבלאַוועס”. אינ אייביקער שרעק פֿאַרנ פּאָליצײיִשנ צירקל האָט ער געבלאָנקעט איבער די קיִעווער גאַסנ און געזוכט אַ שטיקל אַרבעט. פֿונ אַלע זײַנע האָפֿענונגענ האָט זיכ אָבער אויסגעלאָזט אַ טײַכ. עפּעס אַ ווינקל־אַדוואָקאַט, וועלכנ ער האָט צופֿעליק באַגעגנט אינעמ קרײַז־געריכט, פֿאַרנ:רט אימ צו זיכ קיינ בעלאָצערקאָוו און מאַכט אימ פֿאַר זײַנעמ אַ „סעקרעטאַר”. שאָלעמ האָט אָבער גיכ דערזענ, אַז זײַנ באַלעבאָס איז אַנ אוואַנטיוריסט און אַ קאָרטנשפּילער. וווּהינ זאָל מענ זיכ אַ לאָז טאָנ? אַ ייִדישער אינטעליגענט פֿונ יענער צײַט האָט ניט געהאַט ווו אָנצווווענדנ זײַנע קענטענישנ און פֿײיִקײַטנ, דער קרײַז פֿונ זײַנע מעגלעכקײַטנ איז געווענ ביז גאָר שמאָל. און שאָלעמ ראַבינאָוויטש באַשליסט אָנצונעמענ די שטעלע פֿונ אַ קאַזיאָנעמ ראַבינער אינ לובענ, פּאָלטאַווער גובערניע.

פֿאַר אַזאַ מענטשנ, ווי שאָלעמ ראַבינאָוויטש, איז דאָס געווענ אַ מאָדנע און זייער אַ פּריקרע שטעלע. דער קאַזיאָנער ראַבינער איז געווענ אַ צאַרישער טשינאָווניק, וואָס פֿלעגט אויסשרײַבנ מעטריקעס און אַנדערע ציווילע צײַגענישנ פֿאַר ייִדנ און דערבײַ אַכטונג געבנ, אַז די הײליקע טשערעדע זײַנע זאָל זײַנ טרײַ און

אונטערטעניק דעמ אלהערשערישנ צאר. דער יונגער ראבינאָוויטש האָט זיכ געגעבנ א וואָרט, אז ער וועט ניט זײַנ אזא ראבינער, ווי אלע, אונ ער האָט ווירקלעכ גענומענ אנ אקטיוונ אָנטייל אינ די יידישע געזעלשאפטלעכע איניאָנימ, זיכ באזונדערס געזאָרגט וועגנ דער דערציִונג פונ אָרעמע קינדער אונ געזאָגט מוכער זײַנע שטאָט-לײַט, לעמײַ זיי פאטערנ גרויסע געלטנ אפ א נײַעמ בעסמעדרעש אָנשטאָט צו בויענ שולנ פאר קינדער אונ שפיטאָלנ. מער ווי דריטהאלבנ יאָר איז שאָלעמ ראבינאָוויטש געווענ קאזיאָנער ראבינער אינ לובענ, געווינענדיק פאר דער צײַט די סימפאטיעס פונ דער אָרעמער באפעלקערונג אונ די אומצופרידנקײַט פונ די גווירימ.

אינ יאָר 1883 האָט שאָלעמ ראבינאָוויטש כאסענע געהאט מיט זײַנ געוועזענער שילערנ אָלגא לאָיעוו. דאָס יונגע פאָר איז בײַגעקומענ דעמ ווידערשטאנד פונעמ אלטנ לאָיעוו. נאָכ דער כאסענע האָט דאָס פאָרפאָלק זיכ באזעצט אינ בעלאָצערקאָוו. אונ צו אָט דער צײַט טאקע געהערט דער אָנהייב פונ שאָלעמ ראבינאָוויטשעס סיסטעמאטישער ליטערארישער ארבעט. שאָלעמ ראבינאָוויטש האָט זיכ דעמלט אויסגעקליבנ א ליטערארישנ פסעוודאָנימ, וואָס איז שפעטער באקאנט געוואָרנ אינ דער גאנצער וועלט, — „שאָלעמ-אלייכעמ".

דער אינטערעס צו ליטעראטור איז אינ אימ דערוועקט געוואָרנ גאנצ פרי. די ערשטע קינסטלערישע אײַנדרוקנ זײַנע דארפ מענ נאָכ עפשער זוכנ אינ די פארכאפנדיקע מײַסעס פונ זײַנ כאווער שמוליק, אינ די מײַסעס וועגנ קרישטאָלענע פאלאצנ אונ פארבאָרגענע אוצרעס, וואָס האָבנ גערעגט די קינדישע פאנטאזיע. עס איז געווענ נאָכ א כאווער פונ שאָלעמ-אלייכעמס קינדער-יאָרנ, וועלכער האָט אויכ פארמאָגט אנ ארטיסטישע נאטור: דאָס איז געווענ מייער מעדוועדעווקער, א זינגער אונ א קונדעס, וואָס פלעגט איניינעמ מיט שאָלעמענ ווײַזנ טעאטראלע פאָרשטעלונגענ.

פ.נ מייערנ איז שפעטער אויסגעוואקסנ דער באקאנטער אָפּערע-זינגער מיכאיל מעדוועדיעוו. גאנצע טעג אונ אָוונטנ פלעגט דאָס יינגל שאָלעמ פארברענגענ צווישנ די שטעטלדיקע מעשוירערימ אונ קלעזמער, דורכ וועלכע ער פלעגט זיכ באהעפטנ צו דער יידישער פאָלקס-קונסט. אינ אָט דער סוויווע פלעגנ זיכ זייער אָפט טרעפנ עמעסע אונ באדייטנדיקע פאָלקס־טאלאנטנ, וועלכע שאָלעמ-אליינעמ האָט שפעטער, ווי א שרייבער, געווידמעט פיל באגייסטערטע זייטלעכ פונ זיינע ווערק אונ גאנצע ביכער.

די פאָלקס-קונסט האָט אויכ געלעבט אינעמ „פורימ-שפיל", אינ דער פאָלקסטימלעכער טעאטראלער פאָרשטעלונג, וואָס האָט זיכ פארהיט אינ דער סוויווע פונ באלמעלאָכעס אונ וואָס האָט אָפּגע־שפיגלט די אומשטערבלעכע שטרעבונג פונעמ פאָלק צו טעאטרא-לער פרייד אונ לוסטיקייט. יינגלווייז האָט שאָלעמענ שטענדיק גע-צויגנ צו די אונטערשטע פאָלקס-שיכטנ, צו דער אופריכטיקייט אונ ניט-געקינצלטקייט פונ זייער לעבנשטייגער, צו זייער הארצ-לעכנ אונ מוטיקנ אָפּטימיזמ. דאָ האָט ער געשעפּט זיינע ערשטע קינסטלערישע איינדרוקנ, וואָס זיינענ שפּעטער באריייכערט געוואָרנ מיט די איינדרוקנ פונ דער קינסטלערישער ליטעראטור.

נאָכ אינ דער קינדהייט האָט זיכ ארויסגעוויזנ שאָלעמ-אליי-כעמס פעיִקייט נאָכצומאכנ: ער האָט געקאָנט זייער קאָמיש קאָ־פּירנ די גענג אונ די פּאָסטעמפּקעס פונ די ארומיקע. אָט דער שטריכ, וואָס איז אגעוו כאראקטעריסטיש פאר די קינדער־יאָרנ פונ א סאכ קינסטלער, איז געווענ א סימענ פונ דעמ יינגלס באָאבאכטונגס-פעיִקייטנ אונ פונ זיינע ארטיסטישע נייגונגענ. צווישנ די אָביעקטנ פונ זיינ קאָמישנ נאָכמאכנ איז געווענ זיינ שטיפ-מוטער, א בייזע יידענע, וואָס האָט געהאלטנ אינ איינ שילטנ מיט ביטערע קלאָלעס. שאָלעמס ערשט „ליטעראריש" ווערק איז טאקע געווענ א לעקסיקאָנ פונ דער שטיפמאמעס קלאָלעס, אויס־געשטעלט נאָכנ אלעפבייס. אָט דער לעקסיקאָנ איז ארייינגעפאלנ

צומ טאטנ אינ די הענט, אונ ער האָט אימ באוויזנ דער שטיפמאמענ. די שטיפמאמע האָט אפּאָנעמ ניט געהאט קיינ אנדער ברייִרע, אונ זי האָט זיכ צעלאכט. ס'איז אָנגעפאלנ אפ איר א מאָדנער געלעכטער, מע האָט געמיינט, אז זי וועט דעמ שלאק באקומענ! ס'איז שוינ אפּאָנעמ געווענ א באַשערטע זאכ פונ סאמע אָנהייב אָנ, אז לייענענדיק שאָלעמ-אלייכעמס ווערק, האָט מענ ווילנדיק ניט-ווילנדיק געמוזט לאכנ.

מיט יאָרנ שפּעטער פלעגט שאָלעמ-אלייכעמ אלס א שפּאס דערציילנ, אז דער ערשטער כיישעק צומ שרייַבנ איז אימ געקומענ דערפונ, וואָס ער האָט ניט געקאָנט גלייַכגילטיק צוזענ ווייַס, גלאט פּאַפּיר — ער האָט עס געמוזט פארשרייַבנ.

אז שאָלעמ-אלייכעמ איז אלט געווענ פערצנ יאָר, האָט ער אונטערנ אייַנדרוק פונ אווראָמ מאַפּוס בארימטנ ראָמאַנ „אהאוואס ציִינ“, א ליבע-געשיכטע פונ די ביבלישע צייַטנ, אליינ אויכ אָנגעהויבנ שרייַבנ א ראָמאנ אפ העברעיִש אונטערנ נאָמענ „באס-ציִינ“ (די טאָכטער פונ ציִענ). פופצנ יאָר אלט, האָט שאָלעמ דורכגעלייענט „ראָבינזאָנ קרוזאָ“ אונ אונטער דעמ אייַנדרוק פונעמ דורכגעלייענטנ בוכ טייקעפ-אומיִאד געמאכט אנ אייגענעמ „ראָבינזאָנ קרוזאָ“, מיטנ נאָמענ „דער יידישער ראָבינזאָנ קרוזאָ“. זייַנע ערשטע לייענער אונ שעצער זייַנענ געווענ דער פאָטער אונ אופגעקלערטע אָרכימ פונ זייַנ אייַנפאָר-הויז.

אונטער דער ווירקונג פונ דער רוסישער ליטעראטור האָט שאָלעמ אָנגעהויבנ צו שרייַבנ אויכ אפ רוסיש. באזונדערס פיל האָט ער געלייענט אונ געשריבנ אפ רוסיש, בייס ער איז געווענ הויז-לערער בא לאָיעוונ, וועלכער האָט געהאט א גרויסע ביבליאָטעק. וועדליק שאָלעמ-אלייכעמ אליינ דערציילט, האָט ער דאָ גאנצע נעכט געשריבנ גרויסע, הארצרייַסנדיקע ראָמאנענ, שרייַענדיקע דראמעס, פארפלאָנטערטע טראגעדיעס אונ קאָמעדיעס. די פארליבטע שילערנ האָט געזענ אינעמ יונגנ לערער א גרויסנ מייַס-

טער. אָבער די רעדאקציעס האָבנ אפּאָנעמ געהאלטנ אנדערש, ווײַל זיי האָבנ זיכ דעמלט ניט געײַלט צו דרוקנ זײַנע ווערק.

שאָלעמ ראבינאָוויטשעס ערשט געדרוקט ווערק איז געווענ א קאָרעספּאָנדענצ פונ פּערעיאסלאוו, וואָס איז דערשינענ אינ דער העברעישער צײַטונג „האצפיראָ“ אינ יאָר 1879 (דער אווטאָר איז דאנ אלט געווענ 20 יאָר). שאָלעמ ראבינאָוויטש האָט אָנגעהויבנ פונ העברעיש, פּונקט ווי א סאכ יידישע שרײַבער פונ זײַנ צײַט, ווײַל די ליטעראַרישע שפּראכ פונ דער דעמלטיקער יידישער אינטעליגענצ איז הויפּטזאכלעכ טאקע געווענ העברעיש: די אינטעליגענצ האָט דעמלט או סגעמיטנ די לעבעדיקע יידישע שפּראכ, אפ וועלכער עס האָבנ גערעדט די פּאָלקס-מאסנ.

אינ זײַנ ערשטער קאָרעספּאָנדענצ האָט שאָלעמ ראבינאָוויטש גערעדט וועגנ זײַנ געבורטשטאָט פּערעיאסלאוו. סאָפּ 1881 האָט שאָלעמ ראבינאָוויטש אָפּגעדרוקט אינ אנ אנדערער צײַטונג, אויכ א העברעישער, שוינ א גרעסערנ ארטיקל. אינ יאָר 1882 האָט ער אָפּגעדרוקט נאָכ צוויי ארטיקלענ. דאָס זײַנענ געווענ פּובליציסטישע ארטיקלענ, אינ וועלכע ער האָט באהאנדלט די פראגנ פונ דערציִונג, פונ „כיידער“-רעפאָרמע, פונ מיליטער-דינסט.

אינ יאָר 1883 איז שאָלעמ ראבינאָוויטש צומ ערשטנ מאָל ארויסגעטראָטנ מיט זײַנע ווערק אפ יידיש — אינ „יידישנ פּאָלקס-בלאט“. דער אווטאָר האָט פארשטאנענ, אז א צוטריט צו די ברייטע פּאָלקס-מאסנ וועט ער געפינענ נאָר דאנ, ווענ ער וועט שרײַבנ אפ זייער לעבעדיקער שפּראכ, אונ ניט אפ העברעיש, וואָס איז צוטריטלעכ בלויז פאר זייער אנ ענגנ, זייער א באגרענעצטנ קרײַז. פונ אָט דער צײַט אָנ האָט שאָלעמ-אליכעמ געפונענ זײַנ עמעסנ בארופ. זײַנ נאָמענ ווערט אלצ מער אונ מער פּאָפּולער.

די ליטעראטור אפ יידיש איז צו יענער צײַט נאָכ געווענ א ווייניק צעאקערט פעלד. עמעס, אינ די 60-ער יאָרנ פונעמ פאָריקנ

יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעהויבן א גרויסע אופלעבונג אין דער יידישער ליטעראטור. עס איז אויסגעוואקסן א גאנצע דעמאָקראַ־טישע שטרעמונג. עס זיינען געקומען אזעלכע אויסגעצייכנטע שרייבער, ווי מענדעלע מויכער-ספאָרים, לינעצקי, גאָלדפאדען. זיי זיינען ארויסגעטראָטן קעגן עקספלואטאציע און דאלעס, קעגן אמעראצעס און אינערטקייט, קעגן דער אָפּגעשטאנענקייט פון די פאָלקס-שיכטן, קעגן די רעשטן מיטלאלטער אין דער קולטור און אינעם לעבנשטייגער, זיי האָבן געקעמפט פאר בילדונג און אופ־קלערונג, פאר דעמאָקראטיזם, פאר א נייעם לעבנשטייגער, פאר נייע פאמיליען-באציונגען. דאָס קומען פון אָט די שרייבער האָט באטייט א נייע עפּאָכע אין דער אנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראטור, דה. פון דער ליטעראטור אף דער לעבעדיקער שפּראך פון די יידישע פאָלקס־מאסן. אָבער עס איז נאָך פאָרגעשטאנען אן אומגעהייערע ארבעט — נאָך ענגער צו באהעפטן די יידישע ליטע־ראטור צו די נייע אידייען און פאָרמען פון די סאמע פאָרגע־שריטענע ליטעראטורן, אויסצופורעמען די נייע ליטעראַרישע שפּראך, צו באשאפן קולטורעלע און באוווסטזיניקע לייענער. שאָלעם-אליי־כעם איז געקומען אין דער יידישער ליטעראטור, פול מיט שעפע־רישע קויכעס, מיט א לעבעדיקער איניציאטיוו און מיט געהויבענע שטרעבונגען, וואָס זיינען בא אים אויסגעוואקסן אפן באָדן פון די אופקלערונגס-אידייען פון דער יידישער ליטעראטור און פונעם גאנצן אומגעהייער-רייכן אינהאלט פון דער גרויסער רוסישער ליטעראטור, וועלכע האָט, אָנגעהויבן פון די 20—30-ער יאָרן פו־נעם XIX יאָרהונדערט, אלץ מער און מער געווירקט אף דער פאָרמירונג פון דער יידישער ליטעראטור.

3

שאָלעם-אלייכעמס פערזענלעך לעבן איז פארלאָפן גאנץ אייגנ־ארטיק. אין יאָר 1885, נאָכן טויט פון זיין שווער, איז אים

אָנגעקומענ א גרויסע ירושע. ער איז אריבערגעפאָרנ קיינ קיִעוו אונ האָט אָנגעהויבנ פירנ א ברייט לעבנ, אָבער שאָלעמ-אלייכעמ האָט ניט געוווּסט, וואָס ער זאָל, אייגנטלעכ, טאָנ מיטנ פארמעגנ, וואָס איז אימ צופעליק אָנגעקומענ. ארומ דעמ פריש-געבאקענעמ גוויר האָבנ זיכ באוויזנ שווינדלער אונ כפעקוליאנטנ, וואָס האָבנ דערשמעקט, אז דאָ קאָנ מענ קריגנ אנ אומזיסט קערבל. שאָלעמ-אלייכעמ, וואָס האָט בעטעווע געטרויט מענטשנ, האָט זיכ געלאָזט אינ פארשיידענע קאָמערציעלע אָפּעראציעס, אונ ער האָט אינ זייער א קורצער צײַט פארלאָרנ זײַנ גאנצ פארמעגנ. פאר דער קורצער צײַט, בייס ער איז געווענ רײַכ, האָט שאָלעמ-אלייכעמ באוויזנ ארויסצוגעבנ צוויי בענדער פונ „דער יידישער פאָלקס-ביבליאָטעק“— גרויסע ליטעראַרישע זאמלביכער, אינ וועלכע עס האָבנ אָנטייל גענומענ די בעסטע יידישע שרײַבער פונ יענער צײַט אונ וואָס האָבנ געשפּילט א גרויסע ראָליע אינעמ יידישנ ליטעראַרישנ לעבנ. דאָ האָט שאָלעמ-אלייכעמ אָפּגעדרוקט זײַנע ראָמאנענ „סטעמפּעניו“ אונ „יאָסעלע סאָלאָוויי“.

אינ יאָר 1890 האָט שאָלעמ-אלייכעמ אָנגעווירנ זײַנ פארמעגנ. ער איז אוועקגעפאָרנ קיינ אויסלאנד, אונ א געוויסע צײַט האָט ער פארבראכט אינ פארשיידענע לענדער; איז געווענ אינ פאריזש, ווינ, טשערנאָוויצ (בוקאָווינע).

אינ יאָר 1891 האָט זיכ שאָלעמ-אלייכעמ אומגעקערט קיינ רוכלאנד. ער באזעצט זיכ אינ אָדעס. דאָ ווערט ער נאָענט מיטנ גרויסנ קלאסיקער פונ דער יידישער ליטעראטור, וועלכער האָט געהאט אנ אומגעהייערע ווירקונג אפ שאָלעמ-אלייכעמס ליטעראַרישער אנטוויקלונג,—מיט מענדעלע מויכער-ספאָרימ, מיט וועלכנ שאָלעמ-אלייכעמ האָט זיכ איבערגעשריבנ שוינ זײַט עטלעכע יאָר (פערזענלעכ האָט זיכ שאָלעמ-אלייכעמ מיט אימ באקענט אינ יאָר 1888, בייס ער האָט באזוכט אָדעס). מיטנ לעצטנ ביסל געלט, וואָס איז אימ געבליבנ, פרוווט שאָלעמ-אלייכעמ באנײַענ „די יידי-

די יודישע

פאלקס-ביבליאטהעק

א בוך פיר ליטעראטור, קריטיק און וויססענשאפט.

העראויסגעגעבען

פון

שלום עליכם.

ערשטעס בוך

תרמ"ח

קיעוו

דרוק פון יעקב שעפטיל בררימשוב.

ДИ ІУДИШЕ ФОЛКСБИБЛІОТЕКЪ.

т. е.

ЕВРЕЙСКАЯ НАРОДНАЯ БИБЛИОТЕКА.

Сборникъ статей литературныхъ, критическихъ и научныхъ.

издаваемый

ШАЛОМЪ-АЛЕХЕМ'А

(СОЛОМОНА РАБИНОВИЧА)

ТОМЪ I

КІЕВЪ.

1888

שע פאָלקס-ביבליאָטעק", אָבער עס געלינגט אים בלויז ארויסצו-געבן (אין יאָר 1892) ניט קיין גרויס ביכל, ריכטיקער — א העפט, ווו ער איז אליין געוועז דער אויטאָר פון אלע געדרוקטע מאטע-ריאלן. דאָ האָט ער אגעוו אָפגעדרוקט די ערשטע דערציילונג (א סעריע בריוו) פונעם שפּעטער בארימט-געוואָרענעם ציקל „מענאכעם-מענדל".

אין יאָר 1893 טרעפן מיר שאָלעם-אלייכעמען ווידער אין קיעוו. ווי פריער, איז ער אויך איצט אין דער סוויווע פון סאָכרים און בירזשע-מאכערס. זייער לעבנשטייגער האָט אים געגעבן שטאָף פאר זיין דעמאסקירנדיקער קאָמעדיע „יאקנעהאָז" (1894). די פאָרשטייער פון דער קיעווער יידישער בורזשואזיע האָבן זיך לייכט דערקענט אין שאָלעם-אלייכעמס פּערסאָנאזשן און האָבן זיך דערשלאָגן בא דער צארישער צענזור, זי זאָל קאָנפיסקירן די קאָמעדיע מיטן אויסרייד, אז זי אנטהאלט „גאָט-לעסטערונג". אין יאָר 1894 איז אויך דערשינען די ערשטע דער-ציילונג פון שאָלעם-אלייכעמס צווייטן בארימטן ציקל „טעוויע דער מילכיקער". אין יאָר 1899, ווען עס הייבט אָן דערשיינען דאָס וואָכנבלאט „דער יוד", נעמט זיך שאָלעם-אלייכעם אינטענ-סיוו צו ליטעראַרישער טעטיקייט.

געוואָרן א שרייבער א פּראָפעסיאָנאל, האָט שאָלעם-אלייכעם אָנגעהויבן לעבן א שווער לעבן, ווי עס האָט געוויינלעך געלעבט ביז דער רעוואָליוציע א ליטעראט, שטענדיק אָפּהענגיק פונעם ווילקיר פון די פארלעגער און צייטונג-רעדאקטאָרן, געצוווּנגען צוליב דעם שטיקל ברויט צו פארשווענדן די שעפערישע קרעפטן אין צייטליקער צייטונגס-ארבעט. דערביי האָט די ערשטע צייט שאָלעם-אלייכעם געמוזט זוכן אויך אנדערע באשעפטיקונגען און פארדינסטן.

אָט וואָס שאָלעם-אלייכעם האָט געשריבן אין יאָר 1903 צו זיין פריינט, דעם שרייבער מ. ספּעקטאָר, וועלכער האָט איינער

שאָלעם-אלייבעם איג יאָר 1909

פונ די ערשטע, נאָכ אינ די 80־ער יאָרנ פונעם פאָריקנ יה. אָפּ־
געשאצט שאָלעמ-אַלייכעמס מערקווירדיקנ הומאָריסטישנ טאַלאנט:
„...איכ מוז מיכ מוידע זײַנ פאר דיר, אז איכ פיל מיכ
עפּעס ווי נײַ־געבוירנ, מיט נײַע, שפּאָגל-נײַע קויכעס. קימאט, קאָנ
איכ זאָגנ, אז איכ הייב ערשט אָנ שרײַבנ. ביז אהער
האָב איכ מיכ נאָר געמאכט נאריש, מײַסע-קונדעס. איכ האָב נאָר
מוירע, טאָמער כאָלילע גייענ אויס די יאָרנ... איכ בינ איצט
מעוברעס מיט אזויפיל מאכשאָוועס אונ בילדער, אז איכ בינ
שטאַרקער פונ אײַזנ, וואָס איכ ווער ניט צעשפּרונגענ — אונ אז
אָכ אונ וויי איז מיר, איכ באדארפ גאָר לויפנ זוכנ א קערבל!
ברענענ זאָל די בערזע! ברענענ זאָל דאָס קערבל! ברענענ זאָלנ
די יידנ אפנ פײַער, אז א יידישער שרײַבער זאָל ניט קאָנענ
לעבנ פונ שרײַבערײַ אַלײנ אונ זאָל דארפנ לויפנ זוכנ א קערבל!
מע פאַרעגט מיכ, די, וואָס קענענ מיכ אונ זעענ מיכ אלע טאָג,
ווענ שרײַב איכ? כ'לעבנ, אז איכ ווייס אלײנ ניט ווענ! אָט אזוי
שרײַב איכ, גייענדיק, לויפנדיק, זיצנדיק בא יענעמ אינ קאבינעט,
פאָרנדיק אפנ טראמווײַ, אונ פונקט בעשאס מע דולט מיר א קאָפּ
מיט א וואלד, נישט-געהאקטנ וואלד, אנ אימעניע א טײַערע, א
זאוואָדל,— פונקט דעמאָלט וואקסנ אויס די שענסטע בילדער, אונ
עס לייגנ זיכ צונויפ די בעסטע מאכשאָוועס, אונ מע קאָנ זיכ
ניט אָפּרײַסנ אפ קיינ מינוט, אפ קיינ רעגע דאָס אלצדינג ארופ-
צונעמענ אפ פאפיר, — ברענענ זאָלנ די געשעפטנ! ברענענ זאָל
די וועלט! אונ דאָ קומט דאָס ווײַב אונ רעדט מיקויעכ דירע־געלט,
מיקויעכ סכאר־לימעד אינ גימנאזיע, אונ דער קאצעוו איז א דזשענטל-
מענ — ער וואַרט, אונ דער קרעמער איז א פארכ — ער וויל ניט
בארגנ, אונ דער אדוואָקאט סטראשעט מיט אָפּשרײַבנ די בענקלעכ
(טיפּעש! ער ווייסט ניט, אז זיי זײַנענ שוינ לאנג אָפּגעשריבנ...)”...
אָט אינ אזעלכע באדינגונגענ האָט געלעבט שאָלעמ-אַלייכעמ.
אונ א נ דער דאָזיקער צײַט (דער בריוו איז געשריבנ אינ

יאָר 1903) איז שאָלעם-אַלייכעם שוין געווען אַ באַרימטער שרײַבער. זײַן נאָמען איז שוין געווען באַקאַנט ניט נאָר אין דער יידישער סוויווע. א. מ. גאָרקי, וואָס האָט שטענדיק אַרויסגעוויזן אַן אינטערעס פאַר די ליטעראַטורן פון די פעלקער, וועלכע האָבן באַוווינט רוסלאַנד, האָט געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט שאָלעם-אַלייכעמען וועגן אַרויסגעבן אויף רוסיש אונטער שאָלעם-אַלייכעמס רעדאַקציע אַ זאַמלונג פון יידישע שרײַבער. די זאַמלונג האָט געזאָלט דערשײַנען אין דער אויסגאַבע פונעם פאַרלאַג „זנאַניע". שאָלעם-אַלייכעם האָט שוין געהאַט אָנגעהויבן ענערגיש צוצוגרייטן די זאַמלונג, אָבער פאַרשיידענע אומשטענדן האָבן געשטערט צו פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן.

דער באַרבאַריש-גרויזאַמער קישינעווער פּאָגראָם פון 1903 האָט אויפגערודערט און אויפגערעגט די גאַנצע פּראָגרעסיווע געזעלשאַפט פון רוסלאַנד. די בעסטע רוסישע שרײַבער פון יענער צײַט זײַנען אַרויסגעטראָטן מיט אַן ענערגישן פּראָטעסט קעגן דער ווילדער אַכזאָריעס פון די שוואַרצמייעניקעס. שאָלעם-אַלייכעם האָט זיך געווענדט מיט בריוו צו לעוו טאָלסטאָי, קאָראָלענקאָ, טשעכאָוו און גאָרקי, זיי זאָלן אָנטייל נעמען אין אַ יידישער אויסגאַבע צו הילף די געליטענע פונעם פּאָגראָם (די זאַמלונג איז דערשינען אונטערן נאָמען „הילף"). די גרויסע רוסישע שרײַבער האָבן זיך הייס אָפּגערופן אויף שאָלעם-אַלייכעמס ווענדונג. לעוו טאָלסטאָי האָט אין זײַן ענטפער-בריוו צו שאָלעם-אַלייכעמען געשריבן, אַז שולדיק אין די שוידערן פונעם קישינעווער פּאָגראָם, ווי ביכלאַל אין דער גאַנצער קינסטלעך-געפּלאַנצטער נאַציאָנאַלער העצע, איז בלויז די צאַרישע רעגירונג אַליין.

אין יאָר 1904 איז שאָלעם-אַלייכעם געקומען קיין פּעטערבורג זיך מישטאַדל צו זײַן וועגן אַ דערלויבעניש אויף אַ טעגלעכער יידישער צײַטונג (פונעם שטאַדלאָנעס איז גאָרנישט ניט אַרויסגעקומען). אין פּעטערבורג האָט זיך שאָלעם-אַלייכעם באַקענט מיט

שאָלעם-אַלייכעם און מאָרדכע ספּעקטאָר

(קיעוו, מאַרט 1902)

די אָנגעזעענע רוסישע שרײַבער פונ יענער צײַט: מיט ל. אַנדרייעוו, מיט א. קופרינ, אונ ער האָט סאָפקאָלסאָפ באַקומענ די מעגלעכקײַט צו פאַרווירקלעכנ זײַנ לאַנגאָנעדיקנ ווונטש זיכ באַגעגענענ מיט א. מ. גאָרקי. דער אײַנדרוק פונ דער פערזענלעכער באַקאַנטשאַפט מיט גאָרקינ איז געווענ זייער א גרויסער.

שאָלעמ-אַלייכעמ האָט אַפ שטענדיק פאַרהיט דאָס געפיל פונ טיפער צוגעבונדנקײַט צו א. מ. גאָרקי אונ זאָפשײַ פאַר זײַנ טאַלאַנט אונ פערזענלעכקײַט. איינער פונ טעוויע דעמ מילכיקנס טעכטער האָט שאָלעמ-אַלייכעמ געגעבנ אַזעלכע ווערטער וועגנ גאָרקינ: „גאָרקי — דאָס איז הײַנט קימאַט דער ערשטער מענטש אַפ דער וועלט"... אינ יאָר 1910, אינגיכנ נאָכ דעמ, ווי עס איז דערשינענ די רוסישע איבערזעצונג פונ „מאָטל פייסי דעמ כאַזנס", האָט גאָרקי באַגריסט שאָלעמ-אַלייכעמענ מיט זײַנ באַקאַנטנ בריוו, אינ וועלכנ ער האָט געגעבנ אַנ אויסגעצייכנטע, טיפע אונ טרעפלעכע כאַראַקטעריסטיק פונ שאָלעמ-אַלייכעמס שאַפנ. גאָרקי האָט זיכ שטענדיק אינטערעסירט מיט שאָלעמ-אַלייכעמס ליטעראַרישער אַרבעט אונ מיט זײַנ שאַפנ. „קאַק פאָזשיוואַיעט גאָספאָדינ אַלייכעמ?" („וואָס מאַכט הער אַלייכעמ?")—איז געווענ גאָרקיס ערשטע פראַגע, ווענ ער האָט באַגעגנט א מענטשנ, וואָס האָט אימ געקאָנט עפעס דערציילנ וועגנ שאָלעמ-אַלייכעמענ (גאָרקי האָט דעמלט ניט געוווּסט, אַז „שאָלעמ-אַלייכעמ" איז א פסעוודאָנימ, אונ ער האָט געמיינט, אַז „אַלייכעמ" איז דעמ שרײַבערס פאַמיליענ-נאָמענ). די דאָזיקע אַכטונג אונ צוגעבונדנקײַט צו שאָלעמ-אַלייכעמענ האָט דער גרויסער רוסישער שרײַבער פאַרהיט ביז צו די לעצטע זײַנע טעג: ער האָט דערמאָנט שאָלעמ-אַלייכעמס נאָמענ אַפנ ערשטנ אַלפאַרבאַנדישנ צוזאַמענפאָר פונ סאָוועטישע שרײַבער אונ האָט געזאָגט וועגנ אימ, אַז ער איז „אַנ אויסערכט טאַלענטירטער סאַטיריקער אונ הומאָריסט".

דער גאַנצער פעריאָד פונ דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע פונ 1905 איז פאַר שאָלעמ-אַלייכעמענ געווענ פאַרבונדנ מיט א

געהעכערטן אינטערעס פאַר די רעוואָליוציאָנערע געשעענישן און פאַר די געשטאַלטן פון רעוואָליוציאָנערן. די כוואַליע פונעם רעוואָלוציאָנערן אופשטײַג אין לאַנד האָט געפונען איר אָפּשפּיג-לונג אין שאָלעם-אַלייכעמס אַ גאַנצער רײ דערציילונגען און אין זײַן ראָמאַן „דער מאַבל", געשריבן אין יאָר 1907 (שפּעטער האָט שאָלעם-אַלייכעם אָנגערופן דעם ראָמאַן „אין שטורעם"). ניט געקוקט אַפֿ דער פּאָליטישער רעאַקציע, וואָס איז געקומען נאָכן דורכפאַל פון דער רעוואָליוציע, און אַפֿ אַ רײ ניסיוינעס, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין, האָט שאָלעם-אַלייכעם פאַר-היט אַ שטענדיקן גלויבן אין דעם, אַז זײַן פאָטערלאַנד און אַלע פעלקער, וואָס באַוווינען עס, וועלן דערלעבן צו די ליכטיקע טעג פון באַפרײַונג. „איך בין זיכער, — האָט שאָלעם-אַלייכעם גע-שריבן אין אַ בריוו פון זשענעווע אין יאָר 1908, — אַז דער לעבנס-שטראָם און די צייכנס, וואָס איך זע אין אונדזער לאַנד, ...זײַנען גוטע סימאָנים פאַר אונדז, קלאָרע באַווײַזן, אַז באַלד וועט די זון אופשײַנען איבער אונדז".

צום יאָר 1905 געהערט שאָלעם-אַלייכעמס אַקטיווע טעטיקײַט אין- געביט פון טעאַטער. אויך דאָ האָט שאָלעם-אַלייכעם געשטרעבט צום קינסטלערישן עמעס און צו פאַשטעס, וואָס זיי זײַנען געווען די גרונט-פּרינציפּן פון זײַן גאַנצער ליטעראַרישער אַרבעט.

אין אָקטיאַבער 1905 האָט שאָלעם-אַלייכעם אײַנעם מיט זײַן פאַמיליע איבערגעלעבט די שוידערן פון אַ יידישן פּאָגראָם אין קיעוו. דער צאַריזם האָט געבושעוועט און זיך נויקעם געווען פאַר דער רעוואָליוציע. שאָלעם-אַלייכעם האָט געהאַט אויסצושטיין פון דער צאַרישער צענזור, וועלכע האָט געפּילט אין זײַנע ווערק „קראַמאָלע". די זשאַנדאַרמעריע-פאַרוואַלטונג האָט אַפּילע פאַרפירט אַ גאַנצן „איניען" וועגן שאָלעם-אַלייכעמע אין צואַמענהאַנג מיט זײַן בריוו-אויסטויש מיט רוסישע שרײַבער וועגן אַרויסגעבן אַ זאַמלונג צו הילף די געליטענע פון פּאָגראָמען.

שאָלעמ־אַלייכעמ אפ זײַנ לעצטנ טור אינ רוסלאַנד
(גראָדנע 1914)

שאָלעמ-אלייכעמ האָט באשלאָסנ זיכ אוועקלאָזנ אפ א צייט קיינ אמעריקע. נאָכ לאנגע וואָגלענישנ איבער פארשיידענע לענדער פונ אייראָפע האָט זיכ שאָלעמ-אלייכעמ אינ הארבסט 1906 דערקליבנ קיינ ניו-יאָרק. אָבער שאָלעמ-אלייכעמ איז דאָ אפ לאנג ניט פארבליבנ. עס האָט אימ געצויגנ אהיימ, צו די פאָלקס-מאסנ, וועגנ וועלכע אונ צוליב וועלכע ער האָט געשריבנ זיינע פריילעכע מייסעס, אינ וועלכע עס איז געווענ פארבאָרגנ א טיפער טרויער. זומער 1908 מאכט ער זיינ גרויסע רייזע איבער די יידישע שטעט אונ שטעטלעכ פונ רוסלאנד. אומעטומ האָט אפ אימ געווארט א פריידיקע באגעגעניש. אָבער בייס אָט דער טריומפ-רייזע איז ער פלוצלינג קראנק געוואָרנ, עס האָט זיכ בא אימ אָנגעהויבנ א שארפער טובערקוליאָז-פראָצעס אינ די לונגענ. די קראנקייט האָט אימ געטראָפנ אינ א קליינ שטעטל — אינ בארא‌נאָוויטש, מינסקער גובערניע. בא צוויי כאדאָשימ איז שאָלעמ-אלייכעמ געווענ צוגעשמידט צומ בעט. אינ פארלויפ פונ דער צייט זיינענ די בליקנ פונ פילע הונדערטער טויזנטער זיינע לייענער געווענ געווענדט צומ קליינעמ שטעטל, ווו דער באליבטער שרייבער האָט זיכ געראנגלט מיטנ טויט, וואָס האָט זיכ אומגעריכט באוויזנ בא זיינ צוקאָפנס. אז ס'איז פארביי די קראנקייט, איז שאָלעמ-אלייכעמ, לויט דער אייצע פונ דאָקטוירימ, אוועקגעפאָרנ קיינ נערווי, איטאליע. אינ דעמ זעלבנ יאָר 1908, אינ הארבסט, האָט מענ געפייערט דעמ 25-יאָריקנ יובילײ פונ שאָלעמ-אלייכעמס ליטערארישער טעטיקייט.

דעמ יובילײ האָט מענ געפייערט אינ שאָלעמ-אלייכעמס אָפוועזנהייט. קראנק אונ איינזאמ, אָנ מיטלענ צומ לעבנ, ווייט פונ דער היימ אונ פונ זיינ פאָלק, האָט שאָלעמ-אלייכעמ געשריבנ פונ זיינ איטאליענישנ פאנסיאָנ טרויעריקע, פארביטערטע בריוו. די דאָקטוירימ האָבנ געהאלטנ, אז ער דארפ האָבנ זונ, וואָס מער זונ, אָבער דערפאר האָט מענ באדארפט צאָלנ ניט מעזומענ געלט, אונ ווו האָט מענ דאָס געקאָנט קריגנ?

צו אָט דער צײַט איז שאָלעם-אַלייכעם שוין געווען אַ באַרימטער שרײַבער, זײַן נאָמען איז געווען דער פּאָפּולערסטער אין דער ייִדישער סוויווע, און ער איז געווען באַקאַנט אויך ווײַט אויסער די גרענעצן פֿון דער ייִדישער סוויווע. אָבער שאָלעם-אַלייכעמס גרויסער רום האָט אים ניט אויסגעלייזט פֿון שטענדיקער נויט. אין פֿאַרבינדונג מיטן יוביליי האָט מען אין דער פּרעסע אָנגעהויבן צו זאַמלען געלט. דאָס פֿאָלק האָט געטראָגן זײַנע פֿאַרהאָרעוועטע גראָשנס, כּדי צו העלפֿן דעם באַליבטן שרײַבער. קיין אַנדערער וועג איז דעמאָלט ניט געווען: די צאַרישע רעגירונג האָט ניט נאָר ניט געזאָרגט וועגן די פֿאָלקס-שרײַבער, זי האָט זיי נאָך פֿאַרפֿאָלגט, ווײַל זייער וואָרט האָט געשטורעמוועט די פֿעסטונג פֿון זעלבסטהערשאַפֿט און ווילקיר. דער יוביליי-קאָמיטעט האָט פֿאַר די אָנגעזאַמלטע סומעס „אויסגעקויפֿט" אין יאָר 1909 די ווערק פֿונעם גרויסן פֿאָלקס-שרײַבער פֿון דעם רעשוס פֿון פּריוואַטע פֿאַרלעגער. שאָלעם-אַלייכעמען האָט מען אומגעקערט די רעכט אויף זײַנע ווערק. אין דעם זעלבן יאָר האָט דער מאָסקווער פֿאַרלאַג „סאָוורעמעננייע פּראָבלעמי" אָנגעהויבן אַרויסגעבן שאָלעם-אַלייכעמס געזאַמלטע ווערק אין אַ רוסישער איבערזעצונג, און די אויסגאַבע איז זייער וואַרעם אויפֿגענומען געוואָרן פֿון דער רוסישער קריטיק. מיר האָבן שוין אויבן פֿאַרצייכנט, אַז די איבערזעצונג האָט הייס באַגריסט א. מ. גאָרקי.

דער געזונט-צושטאַנד האָט געצוווּנגען שאָלעם-אַלייכעמען צו זוכן פֿאַר זיך אַן אָרט אונטער דער מילדער זון פֿון די דאָרעמדיקע לענדער. פֿרילינג 1914 האָט שאָלעם-אַלייכעם ווידער געמאַכט אַ רײַזע איבער די שטעט פֿון רוסלאַנד, וווּ ער איז אַרויסגעטראָטן מיט פֿאָרלייענען זײַנע ווערק. די ייִדישע פֿאָלקס-מאַסן האָבן, פּונקט ווי מיט עטלעכע יאָר פֿריִער, מיט פֿרייד און מיט ענטוזיאַזם באַגעגנט און באַגלייט זייער באַליבטן שרײַבער. בײַס אָט דער רײַזע איז פֿאָרגעקומען אין וואַרשע שאָלעם-אַלייכעמס באַגעגעניש מיט אַן אַנדערן גרויסן שרײַבער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור — מיט

פערעצנ. אונ די באגעגעניש האָט מיטגעהאָלפנ, אז די דאָזיקע צוויי שרײַבער, אבסאָליוט פארשיידענע לויטנ טעמפעראמענט אונ לויט זייערע קינסטלערישע באשטרעבונגענ, זאָלנ זיכ דערנעענטערנ.

די אימפעריאליסטישע וועלט-מילכאָמע האָט געטראָפנ שאָלעמ-אלייכעמענ אינ א סאנאטאָריע אינ דײַטשלאנד. באנאנד מיט אנדערע רוסלענדישע אונטערטאנענ האָט מענ אימ ארויסגעשיקט קיינ בערלינ, פונוואנענ ער האָט זיכ געראטעוועט מיט דער פאמיליע אינעמ שכייִשנ נייטראלנ דענעמארק. קראנק, אָנ מיטלענ צומ לעבנ, האָט ער דאָ פארבראכט עטלעכע שווערע כאדאָשימ. סאָפ 1914 איז שאָלעמ-אלייכעמ געקומענ קיינ ניו-יאָרק. די בענקשאפט אהיימ האָט אימ ניט אָפגעלאָזט אפ א רעגע, ער האָט גערעכנט טייקעפ נאָכ דעמ, ווי עס וועט זיכ ענדיקנ די מילכאָמע, טאקע מיט דער ערשטער שיפ צוריקפאָרנ קיינ רוסלאנד. אָבער די קראנקײַט האָט געטאָנ אירס. די שוידערנ פונ דער וועלט-מילכאָמע האָבנ געדריקט אפ זײַנ געמיט-צושטאנד אונ אָפגעשוואכט זײַנ געזונט. שאָלעמ-אלייכעמ איז געשטאָרבנ אינ ניו-יאָרק דעמ 13 מײַ 1916 י. אינעמ עלטער פונ זיבנ אונ כופציק יאָר. הונדערטער טויזנטער מענטשנ האָבנ אימ באגלייט אינ זײַנ לעצטנ וועג.

אינ זײַנ צאוואָע האָט שאָלעמ-אלייכעמ געשריבנ:

„ווו איכ זאָל ניט שטארבנ, זאָל מענ מיכ באהאלטנ ניט צווישנ אריסטאָקראטנ, מעיוכאָסימ אָדער גווירימ, נאָר גראָד צווישנ פראָסטע יידנ ארבעטער, מיטנ עמעסנ פאָלק, אזוי אז די מאצייווע, וואָס מע וועט דערנאָכ אוועקשטעלנ אפ מײַנ קייווער, זאָל באשיינענ די איינפאכע קוואָרימ ארומ מיר, אונ די איינפאכע קוואָרימ זאָלנ באפוצנ מײַנ מאצייווע, אזוי ווי דאָס פראָסטע ערלעכע פאָלק האָט פאר מײַנ לעבנ באשיינט זײַנ פאָלקס-שרײַבער".

אינ אָט די רירנדיקע ווערטער פונ זײַנ צאוואָע האָט שאָלעמ-אלייכעמ אמבעסטנ ארויסגעדריקט זײַנ נאָענטקײַט צומ פאָלק.

די מאַצייווע פונ שאָלעמ־אַלייכעמ (ייִדישע זײַט).
אפ דער מאַצייווע איז אויסגעקריצט שאָלעמ־אַלייכעמס עפּיטאַפּיע. דעמ
פולנ טעקסט ברענגענ מיר דאָ.

דאָ ליגט א ייִד א פּאָשעטער.
געשריבנ ייִדיש־דײַטש פאר ווײַבער
אונ פארנ פּראָסטנ פּאָלק האָט ער —
געוועננ א הומאָריסט א שרײַבער.

דאָס גאנצע לעבנ אויסגעלאכט,
געשלאָגנ מיט דער וועלט קאפּאָרעס.
די גאנצע וועלט האָט גוט געמאכט,
אונ ער — אוי וויי — געוועננ אפ צאָרעס!

אונ דאפקע דעמלט, ווענ דער עולם האָט
געלאכט, געקלאטשט אונ פלעג זיכ פרייענ,
האָט ער געקרענקט — דאָס וויס נאָר גאָט —
בעסאָד, אז קיינער זאָל ניט זענ.

שאָלעמ-אלייכעמ

ניט אלעמאָל געפינענ די שרײַבער זייער וועג פונ סאמע אָנ-הייב אָנ. שאָלעמ-אליכעמ האָט אָנ א באזונדערנ דערפאָלג געפּרווט זײַנע קרעפטנ אפנ געביט פונ דיכטונג, כאָטש אייניקע זײַנע לי-דער זײַנענ ארײַנ אינעמ יידישנ פאָלקלאָר אונ זײַנענ געזונגענ געוואָרנ ווי פאָלקס-לידער. אינ שאָלעמ-אליכעמס לידער פילט זיכ צומאָל נעקראַסאָווס ווירקונג, סײַ אינ זייער אידייִשנ גאנג אונ סײַ אינ זייער ריטמישער צייכענונג. פונ שאָלעמ-אליכעמס פריִיקע לי-דער וועלנ מיר פארצייכענענ די פאָעמע „יידישע טשינאָווניקעס" (1884), ווו דער אווטאָר פאלט בייז אָנ אפ די רעדלפירער אונ די טשינאָווניקעס פונעמ קאָהאָל, וואָס פרעסנ אויס די לעצטע זאפטנ בא דער אָרעמשאפט.

אינ די יאָרנ פונ דער ערשטער רעוואָליוציע פונ 1905 איז געווענ פאָפולער שאָלעמ-אליכעמס סאטירישע ליד „שלאָפ, אלעקסע", וואָס איז געווענ געווענדט קעגנ דעמ קייסער ניקאָלײַ אונ זײַנ יורשׁ אלעקסיי. דער קייסער וויגט אײַנ זײַנ זונ אונ זינגט אימ א וויגליד דערבײַ:

... זאָלסט מיר וואקסנ, זײַנ א גרויסער,
האָבנ קאסעס געלט,
שטעט אונ דערפער, זײַנ א קייסער
איינער אינ דער וועלט.

וועסט מיר זײַנ א גרויסער כאָכעמ,
קליגער נאָכ פונ מיר,
אונ א מיילעכ שעבימלאָכימ,
מיט א לאנד סיביר.

וועסט אימירצעשעמ פארמאָגנ
רענטעס פולע זעק
אונ פיל שענקענ מיט אָסטראָגנ,
קלויסטערס אָנ אנ עק.

און זשאַנדאַרמען מיט קאָזאַקן,
שאָמרים בא דער טיר,
די, וואָס קאָנען בראָקן, האַקן,
שמײַסן אָן א שיר.

— און אויב סאָציאַליסטן וועלן ארויסטרעטן קעגן דיר, — לערנט דער פאָטער דעם זון:

ווערסט אין ספּאַלניע זיך פאַרשליסן,
פונקט ווי איך אצינד,
לאָז דאָרט טרערן, בלוט זיך גיסן —
דו זאָלסט זײַן געזונט.

. . . .

לאָזן באָמבעס דאָרט זיך רײַסן,
ס'איז שוין ניט קיין נײַס;
מ'עט זיי כאַפּן. מ'עט זיי שמײַסן,
הענגען אײַנציקווײַז.

די דאָזיקע ליד שאָלעם-אַלייכעמס איז געווען זייער פאַרשפּרייט אין די רעוואָליוציאָנערע קרײַזן.

א פּיל גרעסערן ווערט, איידער די לידער, האָבן געהאַט שאָלעם-אַלייכעמס קריטישע ארויסטרעטונגען — אין די 80-ער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט. אין יאָר 1888 האָט שאָלעם-אַלייכעם ארויסגעלאָזט א ביכל אונטערן נאָמען „שאָמערס מישפּעט". שאָמער איז געווען דער פאַרפאַסער פון אומצאָליקע בולוואַר-ראָמאַנען, וועלכע זײַנען דעמאָלט געווען זייער פּאָפּולער סײַ אין דער אָפּגעשטאַנענער באַלעבעסלדיקער סוויווע און סײַ אין דער סוויווע פון די אָפּגעשטאַנענע אונטערשיכטן: צווישן מעשאָרסים, דינסט-מיידלעך אאוו., וועלכע שאָמער פלעגט פאַרוויגן מיט זײַנע אויסגעטראַכטע, נישט-געשטויגענע, נישט-געפלויגענע באָבע-מײַסעס וועגן גליקלעכע פאַרוואַנדלונגען פון דינערס און דינסטן אין לאָרדן און פירשטן. שאָלעם-אַלייכעם איז ארויסגעטראָטן קעגן אָט די בול-

וואר־ראָמאנענ, וואָס האָבנ דעמלט פארפלייצט די יידישע ליטעראטור אונ וואָס האָבנ געבראכט אומגעהייערנ שאָדנ די פאָלקס-מאסנ, ווײַל זיי האָבנ אײַנגעפלאנצט ביליקנ געשמאַק אונ האָבנ געשטרעבט אָפּצורײַסנ די מאסנ פונ דער רעאלער ווירקלעכקײַט אונ פונ זייערע רעאלע נויטנ. אינ קעגנזאץ צו די בולוואר-ראָמאנענ פונ שאָמערנ אונ פונ זײַנ גאנצער כאווריִע נאָכמאכערס האָט שאָלעמ-אלייכעמ ארויסגערוקט די ווערק פונ ווירקלעכע אונ עמעסע פאָלקסטימלעכע שרײַבער: פונ מענדעלע מויכער־ספאָרימ, לינעצקי, גאָלדפאדענ אונ אנדערע, וועלכע האָבנ געשילדערט דאָס ווירקלעכע לעבנ פונעמ פאָלק אונ גערופנ דאָס פאָלק צו קעמפנ פאר א בעסערער צוקונפט, קעגנ פאנאטיזמ אונ אינערטקײַט, פאר נײַע פאָרמענ פונ קולטור אונ לעבנשטייגער. שאָלעמ-אלייכעמ האָט באזונדערס אונטערגעשטראָכנ די טעמע פונ דאלעס אינ די ווערק פונ די בעסטע יידישע שרײַבער (ער האָט אָפּגעדרוקט אינ יאָר 1888 אינ דער בײַלאגע צומ „יידישנ פאָלקסבלאט" אנ אויסגעצייכנטע אונ טיפע קריטישע ארבעט, וואָס האָט געהייסנ „דער יידישער דאלעס אינ די בעסטע ווערק פונ אונדזערע פאָלקס-שריפטשטעלער"), — אונטערגעשטראָכנ דערפאר, ווײַל ער האָט געזענ אינ דעמ די פארטיידיקונג פונ די ווירקלעכע אינטערעסנ פונעמ פאָלק. אינ זײַנע קריטישע ארבעטנ פונ די 80-ער יאָרנ האָט שאָלעמ-אלייכעמ אנטוויקלט א דורכגעטראכטע אונ באגרינדעטע פראָגראמ פונ אנ עמעסער פאָלקס-ליטעראטור, א פראָגראמ, וואָס ער אליינ האָט טאקע פארווירקלעכט אינ זײַנע קינסטלערישע ווערק, נאָכפאָלגנדיק די בעסטע טראדיציעס פונ זײַנע פאָרגייער: מענדעלע מויכער־ספאָרימ, לינעצקי אונ אנדערע.

זײַנ עמעסנ בארופ האָט שאָלעמ-אלייכעמ געפונענ אינ דער קינסטלערישער פראָזע, דערהויפּט אפנ געביט פונ דערציילונג. אינ שאָלעמ-אלייכעמס קינסטלערישנ שאפנ האָט געפונענ א גלענצנדיקע פארקערפערונג דאָס לעבנ פונעמ יידישנ פאָלק אינ אנ אומגעהייער

שווערנ פּעריאָד פונ זײַנ עקזיסטענצ, ווענ דאָס פאָלק האָט געשמאַכט אונטערנ יאָכ פונ צאַרישנ ווילקיר, קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע אונ נאַציאָנאַלער רעכטלאָזיקײַט. אָט דער פּעריאָד, וואָס איז אָפּגעשפּיגלט אינ שאָלעמ-אַלײכעמס ווערק, ציט זיכ פונ די 70- 80-ער יאָרנ פונעמ פאָריקנ יאָרהונדערט, ווענ אינ לאַנד האָבנ געזיגט די נײַע, קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישנ, ביז צו דער אימפּעריאַליסטישער וועלט-מילכאָמע. דערבײַ האָט שאָלעמ-אַלײכעמ זיכ מיט דער גרעסטער פּילבאַרקײַט אָפּגערופנ אָפּ אַלע וויכטיקסטע געזעלשאַפטלעכע דערשײַנונגענ אונ געשעענישנ פונ אָט דעמ פּעריאָד. מיט גאָר א באַזונדערנ אינטערעס האָט זיכ שאָלעמ-אַלײכעמ אָפּגעשטעלט אָפּ די געשעענישנ אַרומ דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע פונ 1905.

שאָלעמ-אַלײכעמ האָט זיכ אויסגעקליבנ אַזא ליטעראַרישנ פּסעוודאָנימ, וואָס ער אַלײנ האָט שוינ אַנטהאַלטנ אינ זיכ א פּראָגראַמאַטישנ אינהאַלט: שאָלעמ-אַלײכעמ—פרײדנ צו אײַכ, זײַט געגריסט! [1] שוינ אינ אָט דעמ ליטעראַרישנ נאָמענ, וואָס עס האָט זיכ אויסגעקליבנ דער שרײַבער, האָט זיכ אויסגעדריקט זײַנ נאָענטקײַט צו די פאָלקס-מאַסנ, צו זײער לעבנשטײגער, צו זײערע לײדנ אונ האָפענונגענ. די יידישע פאָלקס-מאַסנ האָבנ טאַקע באַגעגנט שאָלעמ-אַלײכעמענ ווי א נאָענטנ, ווי אַנ אײגענעמ מענטשנ, וואָס מע קאָנ מיט אימ אי זאָגנ א ווערטל אי גאָר פּאָשעט זיכ אויסרײדנ דאָס האַרצ. אַרומ שאָלעמ-אַלײכעמס נאָמענ גופע האָט זיכ אָנגעהויבנ וועבנ א לעגענדע.

שאָלעמ-אַלײכעמ איז געוואַקסנ אַלס שרײַבער אינ די 80-ער יאָרנ פונעמ פאָריקנ יאָרהונדערט, אינ די יאָרנ פונ האַרבער פּאָ-

1 עס האָט מיר דערציילט איינער א דיכטער, אז סולײמאַנ סטאַלסקי, דער באַרימטער פאָלקס-דיכטער פונ דאַגעסטאַנ, האָט זיכ צו אימ געווענדט מיט א פראַגע: „צי איז עס טאַקע עמעס, אז בא יידנ איז געווענ א שרײַבער מיטנ נאָמענ ס א ל י א מ („סאַליאַמ״ — איז די אַראַבישע פאָרמ פונעמ העברעישנ וואָרט „שאָלעמ״, פרידנ)? וואָס פאַר א וואונדערבאַרנ נאָמענ האָט ער זיכ אויסגעקליבנ!״

ליטישער רעאקציע אינ רוסלאנד, אינגיכנ נאָכ דעמ. ווי איבער א
גאנצער ריי שטעט מיט א יידישער באפעלקערונג האָט זיכ דורכ-
געטראָגנ א כוואליע פאָגראָמענ, אָרגאניזירט פונ דער צארישער
רעגירונג. אינעמ לעבנ פונ די יידישע פאָלקס-מאסנ, וועלכע זיינענ
געווענ פארטריבנ אונ צוזאמענגעקוועטשט פונ דער צארישער רע-
גירונג אינ עטלעכע גובערניעס, אינעמ אזויגערופענעמ „טכומ”, וואָס
זיי האָבנ ניט געהאט קיינ רעכט אימ אריבערצוטרעטנ, זיינענ
פאָרגעקומענ ביז גאָר וויכטיקע סאָציאלע ענדערונגענ. שאָלעמ-אליי-
כעמס פאָרגייער, דער ערשטער קלאסיקער פונ דער יידישער לי-
טעראטור, מענדעלע מוכער-ספאָרימ, האָט אינ זיינע ווערק געגעבנ
וונדערלעכע שילדערונגענ פונעמ אלטנ יידישנ לעבנשטייגער, וואָס
האָט נאָכ אינ דער ערשטער העלפט פונעמ XIX יאָרהונדערט זיכ
געהאלטנ אפ פעאָדאל-מיטלאלטערלעכע יעסוידעס. אונטער דעמ
דראנג פונעמ וואקסנדיקנ קאפּיטאליזמ האָבנ די דאָזיקע יעסוידעס
געפּלאצט. די נייע קאפּיטאליסטישע פארהעלטענישנ האָבנ זיכ דער-
קייקלט אויכ ביז צומ יידישנ יישעוו. דאָס אלטע יידישע שטעטל
האָט זיכ א רודער געטאָנ, זיינע איינוווינער האָבנ אָנגעהויבנ צו
זוכנ פאר זיכ א פלאצ אינעמ נייעמ סאָציאל-עקאָנאָמישנ לעבנ-סיי-
דער. אָט דעמ שווערנ אונ ווייטעקדיקנ פּראָצעס פונ דער רויִנירונג
פונעמ אלטנ לעבנ-סיידער אונ פונעמ איבערגאנג צו די קאפּיטאליסטי-
שע פארהעלטענישנ מיט זיירע נייע ביטערע צאָרעס אונליידנ
פאר די פאָלקס-מאסנ האָט טאקע אָפּגעשפּיגלט מיט אנ אומגעוויינ-
לעכער קראפט דער גרויסער שרייבער שאָלעמ-אלייכעמ.

צווישנ שאָלעמ-אלייכעמס באדייטנדיקסטע ווערק דארפ מענ
פריִער פאר אלצ אָנרופנ די ציקלענ דערציילונגענ, וואָס זיינענ
געווידמעט זיינע גרונט-פערסאָנאזשנ: מענאכעמ-מענדלענ אונ טעוויע
דעמ מילכיקנ. איבער די דאָזיקע ווערק זיינע האָט שאָלעמ-אלייכעמ
אָנגעהויבנ צו ארבעטנ נאָכ אינ די 90-ער יאָרנ, אונ ער האָט
זיכ אומגעקערט צו זיי אינ מעשעכ פונ זיינ גאנצנ לעבנ.

פונ א פיצינק ייִדיש שטעטל, וואָס האָט געלעבט אנ אָפגעזונדערט אונ געשלאָסנ לעבנ פונ א קאפּצאָנישנ געמויזעכצ, פאלט מענאכעמ-מענדל ארײַנ אינ דער גרויסער קאפּיטאליסטישער וועלט. מיט א פיבערהאפטער געשווינדקײַט אונ מיט א הור־הא פרווט מענאכעמ־מענדל זיכ צוצופּאסנ צו די נײַע פארהעלטענישנ אונ צו די נײַע פאָרמענ פונ לעבנשטייגער. אָבער ער פארמאָגט ניט קיינ ארבעטס-געוווינהײַטנ, וואָס וואָלטנ אימ געקאָנט פארוואנדלענ אינ אנ ארבעטס-מאנ א פּראָלעטאריער, אונ ער פארמאָגט ניט קיינ געפיל פונ א רעאלנ באָדנ אונטער די פיס. איבער א ריי געשיכטלעכע סיבעס האָט זיכ בא באשטימטע שיכטנ אינ דער ייִדישער סוויווע אינ מעשעכ פונ יאָרהונדערטער אויסגעארבעט אנ אָפגעריסנקײַט פונ דער ערד, פונ רעאלערווירקלעכקײַט, א נייגונג צו פאנטאסטישע טרוימערײַענ, צו לופטלאָזע אבסטראקטע קאָנסטרוקציעס. שוינ שאָלעמ-אליינעמס פאָרגייער אינ דער ייִדישער ליטעראטור (באזונדערס מענדעלע מויכער-ספאָרימ) האָבנ געשילדערט אזעלכע טרוימער פאנטאסטנ, וואָס זײַנענ געווענ אינגאנצנ אָפּגעריסנ פונעמ לעבנ אונ פונ דער ווירקלעכקײַט. יענע טרוימער האָבנ אָבער געלעבט אינ דער וועלט פונ פאָרשטעלונגענ אונ האסאָגעס פונ דער מיטלאלטערלעכער קולטור, וואָס איז שוינ לאנג פארעלטערט אונ אָפגעלעבט געוואָרנ (ווי, לעמאָשל, ביניאָמינ אינ מענדעלעס בארימט ווערק „מאסאָעס ביניאָמינ האשלישי”). דער שאָלעמ-אליינעמישער מענאכעמ-מענדל פרווט אָבער מיט די פונ דער אלטער פארגאנגענהײַט געיארשנטע מאָסנ אונ געוווינהײַטנ צוגיינ צו דער נײַער קאפּיטאליסטישער ווירקלעכקײַט. אונ ס'איז נאטירלעכ, אז שוינ בא דער ערשטער באגעגעניש מיט אָט דער גרויזאמער אונ זינלאָזער ווירקלעכקײַט לײַדט ער א מאפּאָלע.

ער בויט אומצאָליקע פּראָיעקטנ, איינער פאנטאסטישער פארנ אנדערנ, ער ווארפט זיכ פונ איינ פּראָפעסיע צו א צווייטער. ער לאָזט זיכ ארײַנ אינ בערזע-אוואנטיורעס אונ קאָמערציעלע

ספעקוליאַציעס, ווערט א שאדכנ, א מעקלער, אנ אַגענט, פרוווט די מעלאָכע פינ א שרײַבער. אָבער אומעטום אונ אינ אלצ פאלט ער דורכ, ער איז א שלימ־שלימאזל, עס פידלט ניט. ווײַל „אלצ, וואָס איז געבויט אפ לופט אונ אפ ווינט, מוז סאָפקאָלסאָפ פאלנ“ (פונ שאָלעמ-אלייכעמס פאָרוואָרט צו דער צווייטער אופלאגע פונ „מענאכעמ-מענדל“). אפילע אז מענאכעמ-מענדל נעמט זיכ פאר שאדכאָנעס, פירט ער צונויפ ניט א כאָסנ מיט א קאלע, נאָר צוויי קאלעס. ער וואָלט באדארפט אָנהייבנ האנדלענ מיט טאכריכימ, וואָלט מענ אופגעהערט שטארבנ.

די ווירקלעכע מעכאניק פונ אָט דער טומלדיקער קאפיטאליס־טישער וועלט, ווּהינ מענאכעמ-מענדל איז ארײַנגעפאלנ, פארשטייט ער אינ טאָכ נישט, נישט מער, וואָס ער כאפט בלויז די אויסערלעכע שטריכנ פונעמ הו־הא אונ פונ דער באַוועגונג (דאָס „פערפעטוומ מאָבילע“). עס דוכט זיכ אימ, אז באנאנד מיט אלעמענ באוועגט ער זיכ אויכ צו עפעס א נײַ לעבנ. אָבער דאָס איז נאָר א זעלבסט-נארערײַ. מענאכעמ-מענדל איז א טיפישער „לופטמענטש“, וואָס אזעלכע האָט דעמלט אָנ א שיר ארויסגעבראכט די יידישע סוויווע אלס רעזולטאט פונעמ אויסטערלישנ דאלעס אונ גרויזאמער אונ־טערדריקונג. די אלטע פינצטערע צײַט האָט באשאפנ ניט נאָר דעמ פאראזיטיזמ פונ עקספלואטאציע, נאָר אויכ א פאראזיטיזמ פונ אנ אנדערנ מינ, דעמ פאראזיטיזמ פונ א דאלעס-עקזיסטענצ, וואָס קומט מאכמעס דעמ, וואָס עס פעלט די מעגלעכקײַט אָנ־צווענדנ די אייגענע מי, וואָס עס פעלנ ארבעטס-געווינהײַטנ. די „לופטמענטשנ“ פונ מענאכעמ-מענדלס שניט האָבנ זיכ געפורוכ־פערט אונ געמערט אינ דער קליינבירגערלעכער סוויווע, אינ דער סוויווע פונעמ דריבנעמ אונ דעמ סאמע-סאמע דריבנעמ בירגער־טומ. אינ די באדינגונגענ פונעמ קאפיטאליזמ איז דער מענאכעמ־מענדל-שיכט געווענ פארורטיילט צומ אונטערגאנג.

גאָר אנדערע שטריכנ פארקערפערט אינ זיכ שאָלעמ-אלייכעמס

באַליבטער פּערסאָנאַזש — טעוויע דער מילכיקער. דאָס איז א פאָלקס-מענטש, וואָס איז אויסגעוואַקסנ אינ מי און אינ האָרעוואַניע. עמעס, זײַנע פאָרשטעלונגענ וועגנ לעבנ זײַנענ אינ א היפּשער מאָס פּאַטריאַרכאַל, צונויפגעוואַקסנ מיטנ אַלטנ לעבנשטייגער. דאָס לעבנ, וואָס שטייט ניט אפ איינ אָרט, וואָס גייט שטענדיק פאָרויס, שטעלט פאַר אימ א ניסאָיענ נאָכ א ניסאָיענ. דאָס נײַע לעבנ רײַסט זיכ אַרײַנ צו טעוויענ דורכ זײַנע טעכטער, וואָס נעמענ אופ דאָס אַרומיקע שוינ גאָר אַנדערש, וואָס קוקנ שוינ גאָר אַנדערש אפ זאַכנ.

די עלטערע טאָכטער, צייטל, וויל ניט כאַסענע האָבנ פאַר א מענטשנ, וואָס איז איר פרעמד, פאַר א באַלעבאַטישנ קאַצעוו, וועלכער שאַדכנט זיכ צו איר און באַרימט זיכ דערמיט, אַז וואָס זי וועט עסנ בא אימ אינדערוואָכנ, האָט זי באַמ טאַטנ נישט געגעסנ אום יאָמטעוו. צייטל האָט כאַסענע מיט א באַלמעלאָכע א שנײַדער, וואָס איז ליב איר האַרצנ. טעוויעס אַנדערע טאָכטער, האָדל, האָט ליב געקראָגנ פּערטשיקנ, וועלכנ די צאַרישע רעגירונג פאַרשיקט פאַר רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע קיינ סיביר. די דריטע טאָכטער, כאַווע, האָט כאַסענע מיט א ניט-יידישנ באָכער, ברעכנדיק דערמיט די אַלטע נאַציאָנאַל-רעליגיעזע פאָרורטיילנ, וועלכע האָבנ אופגעשטעלט א וואַנט צווישנ מענטשנ פונ פאַרשיידענע נאַציעס.

טעוויע דעמ מילכיקנס טעכטער ווערנ אַרײַנגעצויגנ אינעמ שטראָמ פונעמ נײַעמ לעבנ, וואָס איז טעוויענ ניט אַלעמאָל פאַרשטענדלעכ. די טעכטער זײַנע פירנ זיכ אינ לעבנ ניט אַזוי, ווי עס האָבנ זיכ געפירט די טאַטעס און די זיידעס. זיי רײַסנ אײַנ מיט דער אַלטער פאַרגאַנגענהײַט, און זיי גייענ אַריבער צומ נײַעמ, וואָס שרעקט טעוויענ מיט זײַנ נײַקײַט און אומגעווייגלעכקײַט, אָבער טעוויע געפינט אינ זיכ גענוג מוט און קראַפט, אויב ניט קעדיי צו פאַרשטיינ און פאַרבאַווסטזיניקנ דאָס נײַע, וואָס קומט

פּאָר פאר זײַנע אויגן, איז כאָטש דאָס אופנעמען מיטן כוש, מיטן אינכטינקט. אויסגעוואקסן אינעם אלטן לעבן-סיידער, דורכגעדרונ־גען מיט יענע האסאָגעס, בלײַבט פונדעסטוועגן טעוויע אפן צאַד פון דער טאָכטער, וואָס גייט אוועק אײַנעם מיט איר מאַן דעם רעוואָליוציאָנער אין ווײַטן סיביר אין דער פארשיקונג. דאָ קומט אין טעוויען צום אויסדרוק די געזונטע נאטור פונעם ארבעטס־מענטש, וואָס איז טיף פארבונדן מיטן פאָלק.

טעוויען איז שווער זיך צעשיידן מיט די טעכטער, וואָס זײַ־נען אים ליב און טײַער, די פאמיליע-אומגליקן ברעכן אונטער דאָס געזונט פון זײַן טרײַער און איבערגעגעבענער פרוי גאָלדע, און זי שטארבט אים אָפּ. און דאָ איז נאָך טעוויע געצוווּנגען איבערצולאָזן זײַן אײַנגעזעסענע נעסט, ווײַל פון דער גובערניע איז אָנגעקומען א באפעל אים ארויסצושיקן, אפ דעם סמאַך, וואָס ייִדן איז ניט דערלויבט צו וווינען אין דערפער. לאַנגע, לאַנגע יאָרן האָבן דאָ געלעבט טאָטערס און זיידעס, געלעבט אין פרידן און אין פרײַנטשאפט מיט די שכיינים די פויערים, ניט געקוקט אפ אלע באמיִונגען פון דער צארישער רעגירונג צו האָדעווען און צעבלאָזן דעם נאציאָנאלן האס. טעוויע מוז זיך אונטערווארפן דעם ווילקיר פון די צארישע סאטראפּן און אוועקווארפן זײַן אײַנגעזעסענע היים.

אָט די אלע אומגליקן און פוראָניִעסן האָבן ניט געבראָכן טעוויעס געמיט. די קראפט פונעם פאָלקס-מענטש איז שטארק, און ס'איז אויך שטארק דער גלויבן זײַנער אינעם זיג פונעם פרינציפּ פון גערעכטיקייט. אפ זײַן אויפן דריקט ער אויס דעם פראָטעסט קעגן דער אומגערעכטער סאָציאַלער אָרדענונג. מיר פילן, אז טע־וויע וועט זיך דערגרייכן ביז צום עמעס, ער וועט פארשטיין, ווער זײַנען זײַנע פֿײַנט און וואָס דארף מען מיט זיי טאָן, קעדיי דאָס לעבן זאָל ווערן יושערדיק און שיין. דאָס ווערק „טעוויע דער מילכיקער" איז ווי א פילאָסאָפיש-דיכטערישע פּאָעמע וועגן

באציִונג צו דער וועלט, פונ פאָלק צו פאָלק, פונ מענטש צו מענטש, פונ פאָטער צו קינד.

מענאכעמ-מענדל אונ טעוויע דער מילכיקער געהערנ צו שאָלעמ-אלייכעמס גרונט-געשטאלטנ. עס לאָזט זיכ גלייכ באמערקנ, אז די דאָזיקע געשטאלטנ זיינענ סיי סאָציִאל אונ סיי פסיכאָלאָגיש אקעגנגעשטעלט איינע דער אנדערער: פונ איינ זייט — א „לופטמענטש" אונ פונ דער אנדערער — א פאָלקסטימלעכער ארבעטס-מענטש. אינ א גאנצער רייִ זיינע ארויסזאָגונגענ האָט שאָלעמ-אלייכעמ אונטערגעשטראָכנ זיינ באזונדערע ליבע צו טעוויע דעמ מילכיקנ, דעמ טרעגער פונ זיינע, שאָלעמ-אלייכעמס, אידעאלע באשטרעבונגענ.

שאָלעמ-אלייכעמ זעט, פארשטייט זיכ, ניט נאָר די קאָמישע מאָמענטנ אינ זיינ מענאכעמ-מענדלענ; זיינ יענעמס קאָנוווּלסיווע זוכענישנ פונ אילוזאָרישע „גליקנ" אינ דער קאפיטאליסטישער ווירקלעכקייט זעט דער שרייבער אויכ א טראגישע פארורטיילטקייט. א גרויסער טרויער פילט זיכ אינ מענאכעמ-מענדלס ווערטער, וואָס זיינענ געווענדט צומ וויינ: „האשעמ-יִסבאָרעכ זאָל עפעס א נעס טאָנ מיט מיר: גאזלאָנימ זאָלנ אָפ מיר אָנפאלנ אונ מיכ הארגענענ, אָדער איכ זאָל אזוי שטארבנ, גייענדיק אינ גאס, זוגאָכי-האיעקאָראָ, איכ קאָנ דאָס שוינ מער ניט איבערטראָגנ". אינ שאָלעמ-אלייכעמס באציִונג צו מענאכעמ-מענדלענ איז דאָ עפעס קרויוויִשעס צו דער באציִונג פונעמ גרויסנ שפאנישנ שרייבער סערוואנטעס צומ ריטער פונ דער טרויעריקער געשטאלט, צו זיינ דאָנ-קיכאָטנ: דאָס קאָמישע אונ דאָס טראגישע פלעכטנ זיכ דאָ צונויפ אינ איינ קנויל, וואָס ניִשט צו צעבינדנ אונ ניִשט צו צערייסנ אימ. אָבער דורכ די שטריכנ פונ באדויער אונ מיטלייד, וואָס ווערנ ארויסגערופנ פונ מענאכעמ-מענדלס טראגישנ גורל, זעט זיכ בולט ארויס דעמ שרייבערס גרונט-באציִונג צו אימ — די נעגירונג. שאָלעמ-אלייכעמ האָט פיינט די עצעמ קאטעגאָריע

פונעמ „לופטמענטש“ אלס א קאטעגאָריע א פאנטאסטישע, אלס א קראנקהאפטיק געשפענסט, אונ שטעלט אימ אנטקעגנ אלס א פּאָזיטיווע טעזיס, אלס א באשטעטיקנדיקע קאטעגאָריע, — טעוויע דעמ מילכיקנ, וועלכער איז, ניט געקוקט אפ די געוויסע פארעלטערטע האסאָגעס זײַנע, פעסט אונ שטארק צונויפגעבונדנ מיט דעמ פאָלקישנ געמיט, מיט געזונטער פאָלקסטימלעכער באציִונג צומ לעבנ, מיט פאָלקסטימלעכער שעפערישקײַט, מיט פאָלקישער ארבעטס-סטיכיִע, מיט דער ערד, אפ וועלכער ער איז אויסגעוואקסנ אונ אפ וועלכער ער ארבעט.

5

דער הומאָר גיט שאָלעמ-אלייכעמענ די מעגלעכקײַט צו אנטפלעקנ אלע קאָמישע זײַטנ פונעמ לעבנ, וואָס ער שילדערט, אָבער אינ שאָלעמ-אלייכעמס הומאָר איז פארבאָרגנ אויכ א גרויסער טרויער, א מיטלײַד צו מענטשנ. דער גרויסער שרײַבער ווייסט, אז די מענטשנ, פונ וועלכע ער לאכט, זײַנענ אָפט „אָנ א שולד שולדיקע“. קאָמיש האָט זיי געמאכט דאָס נעבעכדיקע אונ רעכטלאָזע לעבנ.

אָט שטייט פאר אונדזערע אויגנ א הונגעריקער טרוימער, וואָס האָט ניט קיינ גראָשנ בא דער נעשאָמע, א מוירעדיק אָרעמער מעלאמעד, וואָס פארנעמט דעמ סאמע אונטערשטנ שטאפל אינ דער אָרעמער מעלאמדישער היעראַרכיע. ער טרוימט וועגנ דעמ, אז ווענ ער איז ראָטשילד, וואָלט ער געמאכט אויס מילכאָמעס אונ מענטשנ הערנ אופ צו קוילענ איינס דאָס אנדערע. ער וואָלט אויכ מעוואטל געמאכט דאָס געלט, פונ וועלכנ עס נעמט זיכ אלדאס בייז. אָבער די טרויעריקע ווירקלעכקײַט רײַסט איבער זײַנע טרוימענ מיט א זייער פּראָזאישער פראגע: ווו נעמט מענ אפ שאבעס?

דער דאלעס פונ די יידישע פאָלקס-מאסנ אינ צארישנ רוסלאנד פלעגט אָנעמענ פאנטאסטישע פאָרמענ. דאָס האָט אָנערקענט אפילע דער צארישער מיניסטער פלעווע, וועלכנ עס איז שווער

כוישעד צו זײַנ אינ סימפּאַטיעס צו ייִדנ. שאָלעם-אַלייכעם גיט אינ אַ גאַנצער רײ זײַנע דערציילונגענ אַ בילד פונ אָט דעם דאַלעס, וואָס ווערט נאָכ שוידערלעכער איבער דער מעשונעדיקער קאָנקורענצ. ווי אַנ עמעסער גראָטעסק קלינגט שאָלעם-אַלייכעמס דערציילונג „קאָנקורענטנ", ווו די האַנדלענדיקע פּערזאָנענ זײַנענ אַ מאַנ מיט אַ ווײַב. אינ דער יאָגעניש נאָכנ קוינע טרעטנ זיי ניט אָפ איינער פונ דעם אַנדערנ אַפ אַ טראָט, אונ זיי שלאָגנ איינער בײַ דעם אַנדערנ אָפ דאָס שטיקל ברויט.

ניט געפינענדיק אינ די צאַרישע צײַטנ קיינ אָנווענדונג פאַר זייער מי בײַ זיכ אינ דער היים, פלעגנ די ייִדישע פאָלקס-מאַסנ, וואָס האָבנ געלעבט אינ רוסלאַנד, אָפט זוכנ דעם אויסוועג אינ דער עמיגראַציע קיינ אַמעריקע. אַמעריקע, וואָס האָט פונדערווײַטנ געשײַנט מיט אַנ אָפנאַרערישער שײַנ אונ צוגעזאָגט דעם אָרעמאַנ גילדערנע בערג, האָט אינ דער נאָענט זיכ באַוויזנ גאָר פונ אַנ אַנדער זײַט. שאָלעם-אַלייכעם שילדערט אָפט די פּלאָגענישנ פונ די ייִדישע עמיגראַנטנ, וועלכע עס האָט געטריבנ פונ דער היים דער דאַלעס אונ די צאַרישע אַכזאָריעס.

שאָלעם-אַלייכעם איז ניט קיינ סאַטיריקער אינעם אייגנטלעכנ באַדײַט פונ וואָרט. שאָלעם-אַלייכעם איז אַ הומאָריסט, איינער פונ די גרעסטע הומאָריסטנ אינ דער וועלט-ליטעראַטור. ווי אַ ווירק-לעכ-גרויסער, אַנ עמעסער פאָלקס-שרײַבער, וועלכער האָט פאַר-קערפּערט אינ זײַנע וווּנדערלעכע ווערק די אינ מעשעכ פונ יאָר-הונדערטער אויסגעפּרוווטע פאָלקס-קלוגשאַפט, האָט שאָלעם-אַליי-כעם בוילעט אויסגעשפּראָכענע געזעלשאַפטלעכע סימפּאַטיעס אונ אַנטיפּאַטיעס. ער איז אַלעמאָל אַפנ צאַד פונ פאָלק, אַפנ צאַד פונ די ברייטע פאָלקס-מאַסנ. דער געלעכטער בײַ שאָלעם-אַליי-כעמענ מישט זיכ מיט טרויעריק טאַקע דערפאַר, ווײַל ער זעט דעם טראַגישנ גורל פונ די פאָלקס-מאַסנ אינ די באַדינגונגענ פונ עקספּלואַטאַציע אונ אונטערדריקונג.

אָבער שאָלעם-אַלייכעם האָט געוווּסט ווי צו געפינען אויך בייזע ווערטער, קעדויי אפנ אָרט, דירעקט אָפּצושטעמפּלען אָט יענע „אייבערשטע צענ טויזנט", וועלכע לייַדנ פונ פּעטקייַט, וואָס זיי האָבנ באַקומען אפנ כעזשבנ פונ דעם פאָלקס אַרבעט-שווייס און פייַנען. שאָלעם-אַלייכעם האָט קיינמאָל ניט פאַרלאָרן דאָס געפיל פונ פאַראַכטונג צו דער גווירישער בורזשואַזיע, צו דער פּלוטאָקראַטיע. נאָכ אינ די 80-ער יאָרנ פונעם פאַריקנ יאָרהונדערט, אינ אָנהייב פונ זייַנ ליטעראַרישנ וועג, איז שאָלעם-אַלייכעם אַרויסגעטראָטנ מיט א סאַטירישנ ראָמאַנ „סענדער בלאַנק", וואָס איז געווענ געווענדעט קעגנ דעם פאַמיליען-שטייגער פונ דער יידישער בורזשואַזיע. אינ די 90-ער יאָרנ האָט שאָלעם-אַלייכעם אָנגעשריבנ א קאָמעדיע „יאַקנעהאָז", ווו ער מאַכט כויזעק מיט א שאַרפנ הילכיקנ געלעכטער פונ די בירזשע-ספּעקוליאַנטנ. מיט פאַרניכטנדיקנ ביטל רעדט וועגנ די גווירים שאָלעם-אַלייכעמס באַליבטער העלד — טעוויע דער מילכיקער, ווי אויך דער דוירעס-דיקער מיטגליד פונעם שנייַדערשנ צעכ, דער העלד פונ שאָלעם-אַלייכעמס קאָמעדיע „דאָס גרויסע געווינס"[1] — שימעלע סאָראָקער און פיל אַנדערע פערסאָנאַזשנ פונ שאָלעם-אַלייכעמס ווערק. שאָ-לעם-אַלייכעם האָט מיט מייַסטערישער דייַטלעכקייַט געוויזנ דאָס עקלהאַפטע, העסלעכע פּאָנעם פונ די פאַרשיידענערליי „מענטשנ פונ בוענאָס אײַרעס, וואָס האַנדלענ מיט לעבעדיקער סכוירע, ער האָט פונ זייערע קלוימערשט גוטמוטיקע פּנעמער אַראָפּגעריסנ די מאַסקע. שאָלעם-אַלייכעם איז אַרויסגעטראָטנ מיט סאַטירישע ווערק קעגנ דעם צאַרישנ רעזשים. און אויך דער אייבערשטער כאַפּט אָפּט א פּסאַק פונ די קלוימערשט גוטמוטיקע כאָכמעס טעוויע דעם מילכיקנס, וואָס פלעגט אונטערנ אויסרייד, אז ער איז ניט קיינ

1 בא אונדז אפ דער סאָוועטישער בינע גייט די קאָמעדיע אונטערנ נאָמענ „200.000"



פאַקסימילע פון שאָלעם-אַלייכעמס לעצטן מאַנוסקריפּט
(דאָס לעצטע, ניט פאַרענדיקטע קאַפּיטל פון „מאָטל פּייסי דעם חזנס")

גרויסער באַקי אינ די קליינע אויסיעלעכ, אָפט „טײַטשנ" די הייליקע פּסוקים אינ אזא ריכטונג, וואָס איז געווענ ווײַט ניט אָנגענעמ פארנ אייבערשטנ און זײַנע געטרײַע דינערס.

בא שאָלעמ-אליינכעמענ איז פאַראַנ א גאנצער ציקל דערציילונגענ, וואָס זײַנענ געווידמעט „קליינע מענטשעלעכ מיט קליינע האסאָגעס". די האנדלונג אינ די דאָזיקע דערציילונגענ קומט פאָר אינ דער ענגער, שטיקנדיקער לופט פונ „קאסרילעווקע" (אָט-אָ דעמ פאראלגעמיינערנדיקנ נאָמענ טראָגט בא שאָלעמ-אליינכעמענ דאָס אלטע ייִדישע שטעטל). די האסאָגעס פונ די קאסרילעווקער אײַנוווינער און זייערע פאָרשטעלונגענ וועגנ דער גרויסער וועלט זײַנענ זייער נאַיִוו און אָפטמאָל לעפּיש. דערבײַ האלטנ די „קאסריליקעס", אז זיי זײַנענ דאָס אייבערשטע פונ שטייכל.

עס לעבנ דאָ בארימטע קאבצאָנים (אינ דעמ פּראט איז שאָלעמ-אליינכעמס קאסרילעווקע ענלעכ צו מענדעלעס קאפּצאנסק), גרויסע מײַכטערס צו הונגערנ. שאָלעמ-אליינכעמ דערציילט וועגנ איינעמ א קאסרילעווקער טוישעוו, וואָס ס'איז אימ נימעס געוואָרנ צו הונגערנ בא זיכ אינ קאסרילעווקע און ער האָט זיכ געוועקגעלאָזט וואנדערנ איבער דער וועלט זוכנ גליק. אינ זײַנע וואָגלענישנ האָט ער פארבלאָנדזשעט אזש קיינ פּאריזש און איז געקומענ צומ בארימטנ מיליאָנער — צו ראָטשילדנ. דאָ האָט ער פאָרגעלייגט דעמ מיליאָנער אזא מינ ארטיקל, וואָס אזוינס האָט יענער קיינמאָל ניט געזענ און ניט געהערט, — ד אָ ס א ײ ב י ק ע ל ע ב נ. מע האָט זיכ צונויפגעדונגענ פאר דרײַ הונדערטער. דעמלט זאָגט דער קאסריליק ראָטשילדנ: „ווילט איר לעבנ אייביק, איז אצאָסי — איר זאָלט אוועקווארפנ אָט דאָס טומלדיקע פּאריזש און אריבערפּעקלענ זיכ בעסער צו אונדז קיינ קאסרילעווקע, וועט איר קיינמאָל ניט שטארבנ, ווארעמ זינט קאסרילעווקע איז א שטאָט, איז בא אונדז נאָכ קיינ גוויר קיינמאָל ניט געשטאָרבנ"...

שאָלעמ-אליינכעמ ווײַזט די סיבעס פונ דער אנטשטייונג און

דאס מעסער׳ל

(א נארישע, נאר א טרויעריגע געשיכטע פון מיין קינדהייט).

ערצעהלונג פון

שלום עליכם.

ס״ט פעטערבורג

בדפוס ר׳ ישראל ליעווי ושותפו.

שנת תרמ״ז לפ״ק.

НОЖИКЪ

(Ничтожное но печальное событіе изъ моего дѣтства).

Разсказъ ШАЛОМЪ АЛЕЙХЕМА.

С.-ПЕТЕРБУРГЪ.

Типографія И. С. Леви и К°, В. Подьяческая, д. № 86.

1887.

עקזיסטענץ פון קאסרילעווקע. „קאסרילעווקע — זאָגט ער — געפינט זיך פונקט אין דער מיט פונעם געבענטשטן „טכום", ווו מע האָט אוועקגעזעצט יידן קאָפּ אף קאָפּ, ווי הערינג אין א פעסל, און אָנגעזאָגט, זיי זאָלן זיך פרוכפּ/רן און מערן"... אין די נע-בעכדיקע קאסרילעווקע אין דעם טרויעריקן פאנטאסט מענאכעם-מענדלען האָט באשאפן די בארבארישע גרוזעלשאפטלעכע אָרדענונג, וואָס איז געבויט אף דער עקספּלואטאציע פון מענטש דורך מענטש. אין שאָלעם-אליינעמס „געלעכטער דורך טרערן" קלינגט א ביטערע באשולדיקונג קעגן אָט דער אָרדענונג, וואָס פארקריפּלט דאָס לעבן פונעם מענטשן.

שאָלעם-אליינעם אליין האָט ניט געוווּסט קלאָר דעם וועג, ווי אזוי צו מאכן פונעם ארומיקן נעבעכדיקן לעבן א לעבן א גליקלעכס. ער האָט אָבער אין זיינע ווונדערבארע קינסטלערישע ווערק אף אייביק פארקערפּערט דאָס קאָמישע און טרויעריקע לעבן פון די „קליינע מענטשעלעך" און האָט באוויזן דעם פאָלק, די פאָלקס-מאסן, אז אזוי לעבן ווייטער קאָן מען נישט. שאָלעם-אליי-כעמס סימפּאטיעס זיינען אלעמאָל אפן צאד פון די ארבעטנדיקע און אונטערדריקטע, ער האָט מיט ביטלדיקן האס זיך באצויגן צו דער בורזשואזיע און מיט ליבע געשילדערט די אונטערשטע פאָלקס-שיכטן.

פונקט ווי אנדערע גרויסע הומאָריסטן, האָט שאָלעם-אלייכעם זיך באצויגן מיט גרויסער אופמערקזאמקייט און ליבע צו קינדער. ער האָט זיך אין זיינע ווערק זייער גערן געווענדט צו זייערע ליידן און פריידן. „מאָטל פּייסי דעם חזנס" געהערט צו שאָלעם-אלייכעמס בעסטע ווערק. דער שרייבער שילדערט דאָ אן אָרעם לעבן, פול מיט נויט און מיט דאכקעס, זוכענישן פון גליק אין פרעמדע לענדער, — דאָס אלץ איבערגעגעבן אָכן איינעם באוווּסטזיין פון א קינד. דאָס יינגל מאָטל זאָגט: „מיר איז גוט — איך בין א יאָסעם!" דאָס זאָגט, אייגנטלעך, אף א ביטער-סארקאסטישן

אויפן דער גרויסער הומאָריסט אליין: עס איז דאָך אים אויסגעקומען צו לאַכן פון א לעבן, וואָס איז פול געווען מיט ליידן און מיט אומגליק.

דער קינדישער באַוווסטזײַן איז נאָך ניט פארקריפּלט, נאָך ניט צעקאַליעטשעט דורך דער פארניכטנדיקער ווירקונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. דעם קינדס נעשאָמע עפנט זיך ברייט אויף אנטקעגן דער שיינקײַט פונעם לעבן, אנטקעגן דער ליכטיקער זון, אנטקעגן דער פרילינגדיקער פרייד. שאָלעם-אלייכעם האָט געגלייבט אין די מעכטיקע קרעפטן פונעם פאָלק, און אין דעם קינדס נעשאָמע האָט דער גרויסער שרײַבער געזען דאָס פאָרבילד פונעם פאָלק, דעם אָנזאָג פון א קומענדיקער קראַפט. אין שאָלעם-אלייכעמס קינדער-דערציילונגען האָט זיך אין דער גרעסטער מאָס ארויסבאַוויזן זײַן וווּנדערבארער הארציקער ליריזם.

שאָלעם-אלייכעמס מײַסעס פאר קינדער זײַנען זייער פארשיידנארטיק לויט זייערע מאָטיוון. מיט גרויסער לירישער ווארעמקײַט שילדערט שאָלעם-אלייכעם די אויפוואַקסונג פונעם קינדישן ליבעשילדערט ליבעגעפיל („שיר-השירים”, באַזונדערע זײַטלעך אין „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס”). ער דערציילט, וויאַזוי דאָס ייִדישע ייִנגל, וואָס איז געווען געפּענטעט דורכן אלטן לעבנשטייגער, האָט זיך געריסן פונעם דושנעם כיידער אויף די פרײַע ראַכוועסן, וויאַזוי דער יעיצער-האָרע האָט אים אלץ אײַנגערוימט אין אויער וועגן די „זינדיקע” רייצן פונעם ערדישן לעבן, וועגן פרײַהײַט, וועגן שיינקײַט פון דער נאַטור, וועגן שיינקײַט פון דער קונסט („אפּן פידל”). מיט א באַזונדערער קראַפט שטרײַכט שאָלעם-אלייכעם אונטער די שטענדיקע ציִעניש פונעם קינד צו די פאָלקס-שיכטן („באַם קיניג אכאַשווייראָש”). בא זיי, בא די פאָלקס-שיכטן געפינט דאָס קינד די עמעסע פרייד, און בא זיי לערנט דאָס קינד די אָנהייבן פונעם קלאַסעוון אלעפבייס, לערנט, ווי אונטערצושיידן זײַנע פרײַנט פון פײַנט.

שאָלעם-אלייכעמס באַליבטע ליטעראַרישע פאָרם איז דער מאָ-

נאָלאָג. שאָלעם-אַלייכעמס העלדן, די אומגליקלעכע מענטשן, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישן דערלאָזן זיי ניט צו פּרוכטבאַרער, צוועקפולער האַנדלונג, צו זינפולער אַרבעט, לייגן זייער ענערגיע אַרײַן אינעם וואָרט. מיט נײַן מאָס רייד באַמיִען זיי זיך ווי „פאַריידן" דאָס שלימאַזלדיקע לעבן.

שאָלעם-אַלייכעם איז דערהויפּט דער מײַסטער פון נאָוועלע, פון דערציילונג. סײַ „מאַנאַכעם-מענדל" און סײַ „טעוויע דער מילכיקער" — דאָס זײַנען, אייגנטלעך, ציקלען דערציילונגען, וואָס זײַנען פאַראייניקט דורך דער געמיינזאַמקײַט פון די פּערסאָנאַזשן. אָבער שאָלעם-אַלייכעם האָט געשריבן אויך ראָמאַנען. נאָך אין די 80-ער יאָרן האָט ער אָנגעשריבן זײַנע דרײַ באַקאַנטע ראָמאַנען: „סענדער בלאַנק", „סטעמפּעניו" און „יאָסעלע סאָלאָוויי". „סענדער בלאַנק" איז געווענדט קעגן דער פּלוטאָקראַטיע און איז באַאַרבעט מיט סאַטירישע טענער. „סטעמפּעניו" און „יאָסעלע סאָלאָוויי" זײַנען דורכגעדרונגען מיט אַ ראָמאַנטישער שטימונג. פון שאָלעם-אַלייכעמס פריִיקע ראָמאַנען טיילט זיך אויס מיט זײַן באַזונדערער גאַנצקײַט „סטעמפּעניו", ווו די טעמע פון דער פאַרשקלאַפטער פרוי, די טעמע, אין וועלכער עס פילט זיך די ווירקונג פון אָסטראָווסקיס דראַמע „געוויטער", פלעכט זיך איבער מיט דער טעמע פון פאָלקס-טאַלאַנטן, וואָס זײַנען פאַרבאָרגן אין די טיפענישן פון פאָלק. אין צענטער פונעם ראָמאַן „יאָסעלע סאָלאָוויי" איז אויך די געשטאַלט פון אַ פאָלקס-טאַלאַנט, פונעם זינגער יאָסעלע.

צו די דאָזיקע ראָמאַנען וועגן די פאָלקס-טאַלאַנטן דאַרף מען צורעכענען אויך שאָלעם-אַלייכעמס שפּעטער אָנגעשריבענעם ראָמאַן „די בלאָנדזענדע שטערן" (1909-1911). די האַנדלונג איז דאָ פאַרבונדן מיטן טראַגישן גורל און מיטן לעבן-שטייגער פון די אַקטיאָרן פונעם אַלטן ייִדישן טעאַטער, וואָס האָבן געלעבט אַ לעבן פון וואָגלענישן און ליידן.

שאָלעם-אַלייכעם האָט נאָך אָנגעשריבן די ראָמאַנען „דער

מאַבל" (1907) און „דער בלוטיקער שפּאַס" (1912). דער ערשטער פון די ראָמאַנען איז געווידמעט דער טעמע פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905, דער צווייטער איז אָנגעשריבן אונטערן איינדרוק פונעם מעשה־עדיק־ווילדן געריכט־פּראָצעס פון מענדל בייליסן, וועלכן די צאַרישע רעגירונג האָט באַשולדיקט אין אַ ריטועלן מאָרד פון אַ קריסטלעך קינד, — אַזעלכע בלוט־בילבולים קעגן ייִדן שטאַמען נאָך פון די פינצטערסטע צייטן פונעם מיטל־אַלטער. „דער בלוטיקער שפּאַס" שילדערט די רעכטלאָזיקייט פונעם ייִדישן פאָלק אונטער דעם צאַרישן יאָך. די ביידע ראָמאַנען פאַרמאָגן פיל אינטערעסאַנטע זייטלעך, טרעפלעכע באַאָבאַכטונגען, שטייגער־שטאָפּ, — אָבער בא דעם אַלעם ליגט אָפּ זיי דער שטעמפּל פון אייַלעניש, וואָס איז פאַרורזאַכט געוואָרן דורכן כאַראַקטער פון צייַטונג־אַרבעט. שאָלעם־אַליי כעם איז געווען געצוווּנגען צו שרייַבן אָט די ראָמאַנען זייַנע פאַר צייַטונגען, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין אייַלן און צוטרייַבן דעם שרייַבער.

צום זשאַנר פון ראָמאַן באַציט זיך אויך שאָלעם־אַלייכעמס לעצט גרויס ווערק „פונעם יאַריד", אַ ווערק, וואָס שאָלעם־אַלייכעם האָט געשריבן אין די לעצטע יאָרן פון זייַן לעבן און וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר זייַן בעסט ווערק, פאַר זייַן „בוך פון ביכער". דאָס איז אַ בוך וועגן זיך, וועגן דער קינדהייט און יוגנט, וועגן דעם אַרייַנטריט אין לעבן, — געשריבן אויפן ברייטן פאָן פונעם דעמאָלטיקן ייִדישן לעבנס־שטייגער. דאָס איז אַ גלענצנדיק בוך, וואָס באַצויבערט מיט דער פּלאַסטישקייַט פון זייַנע געשטאַלטן, מיט אַ האַרציקן ליריזם, מיט לאַנדשאַפטן־מאָלערייַ, אַ בוך, ווו די מייַסטערשאַפט פונעם שרייַבער טרעט אַרויס אין דער פולער רייַפקייַט.

אַ באַזונדער אָרט אין שאָלעם־אַלייכעמס שאַפן פאַרנעמט זייַן דראַמאַטורגיע. שאָלעם־אַלייכעם האָט געשריבן סיי איינאַקטערס, ווי „מאַזלטאָוו", „מענטשן" און אַנד., וואָס האָבן אָפּ אַ געוויסן אויפן אָנזשפּראָכן צו זייַנע נאָוועליסטישע זשאַנר, — און סיי גרע־

סערע דראמאטישע ווערק („צעזייט און צעשפרייט", „דאָס גרויסע געווינס" און אנד.). שאָלעם־אלייכעמס דראמאטורגיע, וואָס האָט, פון איין זייט, איינגעזאפט אין זיך די בעסטע רעאליסטישע טראַדיציעס פון זיינע פאָרגייער אין דער יידישער ליטעראטור און, פון דער אנדערער, זיך געפונען אונטער א שטארקער אופווירקונג פון טשעכאָוו און גאָרקין, — האָט געשפּילט א רעוואָליוציאָנערע ראָליע אין דער אנטוויקלונג פונעם יידישן טעאטער. זי האָט ארייַנגעבראכט א פרישן שטראָם לעבן, באשאפן לעבעדיקע כאראקטערן און געשטאלטן, ארייַנגעטראָגן אקטועלע טעמעס און מאָטיוון, גענומען פון דער ארומיקער ווירקלעכקייַט. אויך אפן געביט פון דראמאטישן שאפן איז שאָלעם־אלייכעם דער זעלבער רעאליסט, הומאניסט, פאָלקס־שרייַבער. דערבייַ דארף מען אונטערשטרייַכן, אז דער יידישער טעאטער ווענדט זיך ניט נאָר צו שאָלעם־אלייכעמס יענע ווערק, וואָס זייַנען פון אים דירעקט אָנגעשריבן אין דער דראמאטישער פאָרם, נאָר צו דער גאנצער ליטעראַרישער ירושע פונעם גרויסן שרייַבער, ווייַל פיל ווערק זייַנע זייַנען אָנגעזעטיקט מיט דראמאטישן שטאָף, וועלכער האָט אזוי ווי געוואַרט אפ א סצענישער פארקערפערונג. אזוי איז אויסגעוואקסן א גאנצע ריי באדייַטנדיקע און אינטערעסאנטע שאָלעם־אלייכעמישע שטעלונגען פונעם יידישן סאָוועטישן טעאטער.

6

ווען מיר לייענען שאָלעם־אלייכעמס הומאָריסטישע געשיכטעס, איז דאָס ערשטע — לאכן מיר באנאנד מיטן שרייַבער. זייער צומגעהייערער סאָציאלער באדייַט און זין איז נישט אפ דער אויבערפלאך, מע דארף אים זוכן טיפער. ביפראט, אז שאָלעם־אלייכעם געהערט צו דער קאטעגאָריע שרייַבער, בא וועלכע — ווי, לעמאָשל, בא באלזאקן, בא גאָגאָלן — דער קונסט־מעטאָד (אָדער ריכטיקער געזאָגט: דער אינהאלט פון די קינסטלערישע געשטאלטן) איז אָן

אַן ערעכ טיפער פון די געזעלשאַפטלעכ־פּאָליטישע אָנשויונגען, וואָס זיי זאָגנ צומאָל ארויס אינ א דירעקטער פאָרם. אינ דער געזעלשאַפטלעכ־פּאָליטישער הינזיכט פלעגט שאָלעם־אַלייכעם אַליינ אויכ צומאָל אונטערגעוואָרפנ ווערנ די פאָרורטיילנ פונ דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענצ. אָבער אינ זיינע קינסטלערישע פאַרקערפערונגענ ווערט ער פריי פונ די דאָזיקע גרענעצנ, ער איז טיפ אונ גרויס.

א גרויסער פארדינסט פונ דער יידישער סאָוועטישער קריטיק איז דאָס, וואָס אונטער דער אויבערפלאַכ פונ שאָלעם־אַלייכעמס הומאָריסטישע „מייסעס" האָט זי אַנטדעקט אונ דערזענ דעמ טיפנ סאָציאַלנ ווערט אונ באדייט פונ שאָלעם־אַלייכעמס שאפנ. זייער פיל האָט אינ אָט דעמ פראט מיטגעהאָלפנ דער מאָסקווער יידישער מעלוכע־טעאטער מיט זיינ סאָציאַל־קינסטלערישער אינטערפּרעטאציע פונ שאָלעם־אַלייכעמס ווערק. צו די הייכנ פונ קינסטלערישער מייסטערשאפט האָט דערגרייכט דער וואונדערבארער אקטיאָר פונ אָט דעמ טעאטער, דער פאָלקס־ארטיסט פונ ססר ש. מיכאָעלס. אינ דער שיינ פונעמ נייעמ באוווסטזיינ, וואָס איז באשאפנ געוואָרנ פונ דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטיאבער־רעוואָלוציע, האָט ער באוויזנ דעמ טיפנ טראגיזמ פונ פארורטיילטנ לעבנ־סיידער אונ אנטפלעקט די אומשטערבלעכקייט פונעמ פאָלק, וואָס איז פארקערפערט אינ שאָלעם־אַלייכעמס וואָרט.

אינ שאָלעם־אַלייכעמס געניאַלנ שאפנ איז פארבאָרגנ א טיפער סאָציאַלער זינ. שאָלעם־אַלייכעמ האָט אָפּגעשפּיגלט אינ זיינע געשטאלטנ אונ אינ זיינ כטיל ניט נאָר דעמ נאַציאָנאלנ אייגנארט פונעמ יידישנ פאָלק אינ א באשטימטער צייט. טעוויע דער מילכיקער וועט פארנעמענ זיינ פלאצ אינ דער קינסטלערישער גאַלעריי פונ פאָלקס־מענטשנ פונ גאָר דער וועלט — באנאנד מיט אזעלכע קינסטלערישע געשטאלטנ, ווי, צומ ביישפּיל, ראָמענ ראָלאַנס קאָלא ברעונייאָנ. שאָלעם־אַלייכעמס וואונדערבארע קינדער־געשטאלטנ וועלנ בלייבנ אינעמ זיקאָרנ פונ דער מענטשהייט באנאנד מיט די

קינדער-געשטאלטנ פונ דיקענסנ, טווענ, טשעכאָוונ. ביז גאָר א גרוי-
סע קראפט פונ פאראלגעמיינערונג פארמאָגט בא שאָלעמ-אלייכעמענ
די געשטאלט פונ מענאכעמ-מענדלענ, וואָס בא איר גאנצנ יידישנ
אייגנארט וואקסט זי אריבער די נאציאָנאלע גרענעצנ. אינ מענאכעמ-
מענדלס געשטאלט האָט שאָלעמ-אלייכעמ פארקערפערט דעמ גאנצנ
געזעלשאפטלעכנ טראגיזמ פונ די קאָלאָסאלע מאסנ קליינבירגערטומ,
וואָס באמיִענ זיכ אומזיסט צו געפינענ א ווינקל אינ דער קאפי-
טאליסטישער וועלט, זיכ צוצופאסנ צומ קאפיטאליזמ, וועלכער צע-
קוועטשט זיי אָנ שומ ראכמאָנעס. אונ פונקט אזוי, ווי לעמאָשל,
דער באלזאקישער האָבסעק איז געוואָרנ א קינסטלערישער סינאָ-
נימ אפ צו באצייכענענ די פארקריפלענדיקע מאכט אונ ווירקונג
פונ געלט אונ אייגנטימערישקייט, — פונקט אזוי איז דער שאָלעמ-
אלייכעמישער מענאכעמ-מענדל א קינסטלערישער סינאָנימ אפ צו
באצייכענענ דעמ שלימאזלדיקנ אונ אומגליקלעכנ ארומשטייענדיקנ
קליינבירגער אינ דער אטמאָספער פונ קאפיטאליזמ. די געשטאלט
פונ מענאכעמ-מענדלענ גייט אריינ אינ אונדזער באוווסטזיינ אלס
א קינסטלערישע באשטעטיקונג פונעמ מארקסיסטישנ טעזיס וועגנ
דער טראגישער פארורטיילטקייט פונעמ קליינבירגערטומ אינ די
באדינגונגענ פונעמ קאפיטאליזמ. ווי א ווירקלעכ-גרויסער קינסטלער,
האָט שאָלעמ-אלייכעמ אפ זיינ אויפנ געזעענ אונ קינסטלעריש פאר-
קערפערט די וויכטיקע סאָציאלע פראָצעסנ פונ זיינ צייט.

פונ זיינע ערשטע ליטערארישע טריט אָנ איז שאָלעמ-אליי-
כעמ ארויסגעטראָטנ אלס קעמפער פאר אנ עמעסדיקער, רעאליס-
טישער, עכטער פאָלקס-ליטעראטור. אָט די דאָזיקע פראָגראמ האָט
שאָלעמ-אלייכעמ פארווירקלעכט אינ מעשעכ פונ זיינ גאנצער לי-
טערארישער טעטיקייט. עס זיינענ אימ אָרגאניש פרעמד געווענ די
קינצנ אונ שטיק, וואָס זיינענ געווענ כאראקטעריסטיש פארנ דע-
קאדאנס אונ פאר די פארשיידענע מינימ פונעמ ליטערארישנ
„מאָדערניזמ”, וואָס האָבנ פארפילט די ליטעראטור, באזונדערס אינ

די רעאַקציע-יאָרנ. שאָלעם-אַלײכעם, װעלכער האָט פונ זײַנע ערשטע ליטעראַרישע טריט אָנ געפילט אַפ זיך די שטאַרקע װירקונג פונ די גרױסע רוסישע ריאַליסטנ, האָט גערופנ זיך לערנענ בא לעװ טאָלסטאָיענ אונ טשעכאָװנ די קונסט פונ פּשוטעס אונ עכטער עמעסדיקײַט. אָט די שטענדיקע שטרעבונג צו פּשוטעס אונ ענעס-דיקײַט איז דאָס בעסטע געבאָט פאַר אונדזער כאָװעטישער ליטעראַטור.

מיר האָבנ שױנ געשריבנ װעגנ דעם, אַז שאָלעם-אַלײכעמס שאַפנ האָט באַקומענ די אָנערקענונג ניט נאָר אינ דער ייִדישער סװיװע. זײַנע װערק זײַנענ איבערגעזעצט אַפ די אײראָפּעיִשע שפּראַכנ אונ אַפ אַ סאַך שפּראַכנ פונ די פעלקער פונ ססס"ר. מיט ליבע אונ אַכטונג האָט גערעדט װעגנ שאָלעם-אַלײכעמענ דער גרױסער סאָציאַליסטישער שרײַבער א. מ. גאָרקי. נאָכ אינ יאָר 1910, דורכלײענענדיק „מאָטל פּײסי דעם כאַזנס" אינ דער דעמאָלט דערשינענער רוסישער איבערזעצונג, האָט גאָרקי געשריבנ צו שאָלעם-אַלײכעמענ:

„אופּריכטיק געשעצטער מיטברודער!

אײַער בוך האָב איכ דערהאַלטנ, דורכגעלײענט, געלאַכט אונ געװײנט — אַ װוּנדערלעכ בוכ! די איבערזעצונג, דוכט מיר, איז געמאַכט גוט אונ מיט ליבע צום אױטאָר, כאָטש ערטערװײַז פילט זיך, אַז אינ רוסיש איז שװער איבערצוגעבנ דעם טרױעריקנ אונ האַרציקנ הומאָר פונעם אָריגינאַל. איכ זאָג — עס פילט זיך.

דאָס בוכ געפעלט מיר שטאַרק — איכ װעל נאָכאַמאָל זאָגנ — אַנ אױסגעצײכנט בוכ!

עס פינקלט אינגאַנצנ מיט אַזאַ פײַנער, עכטער אונ קלוגער ליבע צום פאָלק, אַט דאָס געפיל איז אַזױ זעלטנ אינ אונדזערע טעג.

איכ דריק אײַכ שטאַרק די האַנט.

מ. גאָרקי.

קאַפּרי, 1910, 21/IV"

גאָרקי איז געווענ גערעכט, ווענ ער האָט געשריבנ וועגנ דער „קלוגער ליבע צומ פאָלק“, וועלכע דרינגט דורכ דאָס גאַנצע שאַפנ פונ שאָלעמ-אַלייכעמענ, פונ אָט דעמ ווירקלעכנ אונ עכטפאָלקס-דיקנ פאָלקס-שרײַבער. ער האָט געשילדערט דאָס טרויעריקע לעבנ פונ די יידישע פאָלקס-מאַסנ, וועלכע האָבנ זיכ געפונענ אונטער א צווייענדיקנ דרוק, פונ אָט יענע מאַכנ, וועגנ וועלכע איינער פונ די שאָלעמ-אַלייכעמישע פערסאָנאַזשנ, „דער גליקלעכסטער אינ קאָדניע“, האָט געזאָגט, אַז פונ צוויי זאַכנ האָט זיי גאָט אויס-געהיט: פונ לופט אונ פונ פאַרנאָסע. אָבער שילדערנדיק אָט דאָס טרויעריקע לעבנ, האָט שאָלעמ-אַלייכעמ אומופהערלעכ געגלייבט אינעמ קומענדיקנ זיג פונעמ פאָלק. שאָלעמ-אַלייכעמ, וועלכער האָט באַשאַפנ די וווּנדערלעכע געשטאַלטנ פונ „אָרעמע אונ פריילעכע“, איז זיכ קיינמאָל ניט באַגאַנגענ אָנ א שפאַס, געמישט מיט ביטערקײַט. מיט אָט דעמ ביטערנ שפאַס האָט שאָלעמ-אַלייכעמ דערציילט וועגנ זײַנע פערסאָנאַזשנ די באַלמעלאָכעס, וואָס זײַנענ געצווונגענ צו האָרעווענ ביטער פונ קאַיאָר ביז שפעט אונ דורכשטופנ נעבעכדיק דאָס לעבנ, „ביז ס'וועט קומענ אַמאָל די גוטע צײַט, יענע גליקלעכע צײַט, ווענ עס וועט אַלצדינג ווערנ אַנדערש, אַזוי ווי בעבעל זאָגט, אונ אַזוי ווי קאַרל מאַרקס זאָגט, אונ אַזוי ווי אַלע גוטע קלוגע לײַט זאָגנ“. אָבער דער גלויבנ אינ א גליקלעכער צוקונפט, דער אָפטימיזמ, וואָס וואָרצלט זיכ שטענדיק אינ די טיפענישנ פונ די פאָלקס-מאַסנ, דרינגט דורכ אונ באַגײַסטערט דאָס שאַפנ פונעמ גרויסנ יידישנ פאָלקס-שרײַבער.

אָט דער אָפטימיזמ זײַנער האָט זיכ געשיכטלעכ באַרעכטיקט. די שווערע פינצטערע פאַרגאַנגענהײַט, וואָס האָט געבוירנ שאָלעמ-אַלייכעמס טראַגיקאָמישע פערסאָנאַזשנ, איז אָפ שטענדיק אונ אָפ אײביק צעשטערט אונ פאַרניכטעט געוואָרנ אינ אָט דעמ טייל פונ דער וועלט, וואָס טראָגט דעמ ווונדערלעכנ נאָמענ: ססר. אינ דער ווײסטער צײַט, ווענ עס האָט געהערשט דער צאַריזמ, איז רוס-

לאנד געווענ א טורמע פאַר די פעלקער. דאָס ייִדישע פאָלק, ווי אנדערע פעלקער פונ רוסלאנד, האָט געלעבט אינ דאלעס, איז געווענ פארפאָלגט אונ אונטערדריקט. די ייִדנ זײַנענ געווענ באגרענעצט אינעמ רעכט זיכ צו באוועגנ איבערנ לאנד, זיי האָבנ ניט געהאט קיינ „ווינרעכט", ניט געהאט קיינ רעכט אפ ארבעט אונ אפ בילדונג. די גרויסע סאָציאליסטישע אָקטיאבער-רעוואָליוציע האָט באפרײַט אלע פעלקער פונ רוסלאנד. אונ באנאנד מיט די אנדערע פעלקער פונעמ גרויסנ פילנאציאָנאלנ ראטנפארבאנד בויענ די ייִדנ א פרײַ סאָציאליסטיש לעבנ. דער געבירטלינג פונ דער אלטער פינצטערער צײַט, דער „לופטמענטש", וועלכער איז אזוי מײַסטעריש געשילדערט בא שאָלעמ-אליכעמענ, איז פארשווּנדנ פונ אונדזער סאָציאליסטישער ערד באנאנד מיט די איבעריקע שרעקלעכע געשפענסטער פונ דער פארגאנגענהײַט.

אינ די רעאקציע-יאָרנ נאָכ דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע פונ 1905, ווענ די פארשיידענע שווארצמייִשע שראָצימ זײַנענ ווידער ארויסגעקראָכנ פונ זייערע באהעלטענישנ אונ האָבנ באנײַט דעמ פאָגראָמ קעגנ די רעוואָליוציאָנערנ, האָט איינער פונ די שאָלעמ-אליכעמישע פערסאָנאזשנ — אפ זײַנ, פארשטייט זיכ, טמימעסדיקנ אונ אייגנארטיקנ לאָשנ, געדיכט איבערגעשאָטנ מיט שפאס — ארויסגעזאָגט א געדאנק, וואָס איז געוואָרנ נעווייִש. דער טאָכ פונעמ געדאנק איז באשטאנענ אינ דעמ, אז די סאָנימ וועלנ קריגנ זייער מאפּאָלע, אז עס וועט נאָכ קומענ די צײַט אונ רוסלאנד וועט האָבנ א וווּנדערלעכע קאָנסטיטוציע[1].

1 פונ דײַנ בריוו זע איכ ארויס, אז ווענ מיר האָבנ דאָ די קאָנסטיטוציע, וואָס מיר מיינענ, באדארפנ מיר שוינ קיינ שומ אמעריקע נישט. דעמלט האָבנ מיר דאָ א בעסער אמעריקע, ווי איר דאָרט... יאנקל! זאָלסט גאָר קיינ יעסורימ ניט האָבנ: אזא שטיק גאָלד מיר אונ אזא מאקע קרושעוואנענ*, וואָס פאר א קאָנסטיטוציע מיר וועלנ אימירצעשעמ האָבנ!.. (שאָלעמ-אליכעמ — „נישטאָ קיינ נײַעס", געשריבנ אינ יאָר 1907).

* קרושעוואנ — א באוווּסטער שווארצמייעניק, אנ אָרגאניזאטאָר פונ קישיניעווער פאָגראָמ אינ 1903 יאָר. (באמערקונג פונ רעד.)

די טויזנטיאָריקע געשיכטע פונעמ ייִדישנ פאָלק איז פול מיט טראַגישע ניכפּינעס, פול מיט וואָגלענישנ, בלוט אונ פּיינ. דער טראַגיזמ האָט זיכ ווידער אַרויסגעוויזנ מיט א נייער קראַפט אינ אונדזערע טעג, ווענ דער צעיושעטער דייטשישער פאַשיזמ האָט געפּראַוועט זיינע בלוטיקע אָרגיעס איבער דער באַכטלאָזער ייִדישער באַפעלקערונג.

בלויז אינ ראַטנפאַרבאַנד האָט דאָס ייִדישע פאָלק באַנאַנד מיט די אַנדערע פעלקער פונעמ ערשטנ אינ גאַנצער דער וועלט סאָציאַליסטישנ לאַנד דערוואָרבנ א היימ. אונ באַנאַנד מיט זיינ פאָלק האָט אויכ דאָ געקראָגנ א היימ דער גרויסער פאָלקס-שרייבער שאָלעמ-אַלייכעמ. אינ ערגעצ לייענט מענ ניט אונ מע האָט ניט אַזוי ליב שאָלעמ-אַלייכעמענ, ווי בא אונדז אינ ס.ס.ס.ר. פאַר די יאָרנ פונ דער אָקטיאַבער-רעוואָליוציע זיינענ זיינע ביכער דאָ דערשינענ אינ א סאַכ שפּראַכנ אינ מיליאָנענ עקזעמפּליאַרנ. די טיראַזשנ פונ שאָלעמ-אַלייכעמס ביכער, די איבערזעצונגענ פונ שאָלעמ-אַלייכעמענ אפ די שפּראַכנ פונ די ברידערלעכע פעלקער, די סטאַטיסטישע ציפערנ פונ ביבליאָטעקנ זאָגנ אייִדעס, אַז שאָלעמ-אַלייכעמ געהערט צו די באַליבטסטע שרייבער פונעמ סאָוועטישנ לייענער [1]. די באַפרייטע פעלקער פונעמ ראַטנפאַרבאַנד אַכטנ דעמ אָנדענק, שעצנ אונ ליבנ די שאַפונג פונ די גרויסע מענטשנ, וועלכע האָבנ אינ די שווערסטע באַדינגונגענ פונ דער פאַרגאַנגענהייט טרייַ געדינט דעמ פאָלק מיט זייער שעפערישער מי אונ צוגעגרייט דעמ וועג פאַרנ איצטיקנ פרייענ אונ גליקלעכנ לעבנ אינ אונדזער סאָציאַליסטיש לאַנד.

---

1 פאַר די יאָרנ 1893—1916 זיינענ אינ רוסלאַנד שאָלעמ-אַלייכעמס ווערק דערשינענ אינ ייִדיש אונ אינ רוסיש אינ א צאָל פונ 222.000 עקזעמפּליאַרנ. פאַר די יאָרנ 1917—1946 האָט דער אַלגעמיינער טיראַזש פונ שאָלעמ-אַלייכעמס ווערק אינ ייִדיש, רוסיש אונ אינ אַנדערע שפּראַכנ פונ די סאָוועטישע פעלקער שוינ באַטראָפנ 4.174.000 עקזעמפּליאַרנ. (באַמערקונג פונ רעד.)